STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01886

# DER RAMBAM

L. S. Kreditor

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער
# רמב״ם

פאלקסטימלעכע מאנאגראפיע

פון

## ל. ש. קרעדיטאָר

פ אָ ר װ אָ ר ט

פון ד״ר אהרן שטיינבערג

פאַרלאַג „די אידישע שטימע״ לאָנדאָן
דרוקעריי „סופיריאָר פרינטערס״ לאָנדאָן



רבינו משה בן מיימון הספרדי

Dedicated to the memory
of my wife Tishe ע״ה

# פאָרוואָרט

ס׳איז, חלילה, ניט קיין „אריינפיר“, ניט קיין „הקדמה“ און במילא ניט קיין „הסכמה“.

די „פאלקסטימלעכע מאָנאָגראפיע“, ווי דער מחבר אליין באצייכנט זיין רמב״ם־שריפט, וואָס איז לכתחילה דערשינען פּרקים — פּרקים־ווייז אין אונדזער היגער „אידישער שטימע“, הויבט זיך אָן מיט א קלאָרן דין־וחשבון בנוגע דער הויפּט־כוונה פון דעם דאָזיקן צניעות׳דיקן חיבור און פאַרענטפערט דערמיט תיכף אלע מאי־קאָ־משמע־לן׳ס פון סקעפּטישע קריטיקער.

ר׳ אריה לייב קרעדיטאָר׳ס קורצע שריפט וועגן דעם רמב״ם׳ס לעבן און ווערק, וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון זיינע געוואלטיקע חידושים און וועגן זייער באַדייט פאַר אונדזער דור איז געשריבן פון אַ טרייען זון פון פאָלק פאַרן פשוטן פאָלקס־מענטשן און זיין סיגנון. ס׳קען קיין שום ספק ניט זיין, אז אָט דער טייערער לייענער, דער „קורא יקר“, ווי מען פלעגט אים אמאָל רופן, וועט פיל לערנען און שטארק הנאה האָבן פון דעם נייעם רמב״ם־ביכעלע. עס פרעגט זיך בלויז, צי איז ביים היינטיקן טאָג נאָך פאַראַן ערגעץ וואו אין דער וועלט א אידישער לייענער פון אָט דעם קלאַסישן טיפּ, וואָס האָט אן אויבערהמצאות, אן אידישן „דיקדעק־שמיקדעק“, אָן בקיאות אין חכמת־אויסלייגעכץ, אָבער מיט אן אָפענער הארץ און אַן אָפענעם מוח פאַר די הויכע און טיפע סודות פון גאָט, וועלט און מענטש, ארויס־און־ארויף־געהויבן די אידישע ליטעראטור פון איר פאַרצייטיקער פאָלקלאר־שטופע צו איר היינטיקער הויכער קינסטלערישער און וויסנשאַפטלעכער מדרגה. ביי אונדז, אינעם אפּגעשטאנענעם ענגלאנד, איז ער אפנים נאָך ניט אינגאנצן פאַרשוואונדן; הלוואי זאָל עס אים באַשערט זיין מאריך־ימים־זיין אויך אין אנדערע לענדער. מער פון זיינטוועגן איידער פון אונדזער מחבר׳ס וועגן ווילט זיך ווינטשן דעם נייעם רמב״ם־ספר׳ל, א „צאתך לשלום“ „גיי ארויס און פאַרשפרייט דיך געזונטערהייט!“.

דאָס הייסט לחלוטין ניט, אז דעם מחבר גופא קומט ניט קיין האַרציקער מזל־טוב מיט א ברייטן יישר־כוח דערצו. נאָר און בלויז אַזאַ זון פון אידישן פאָלק ווי ס׳איז ר׳ אריה־לייב קרעדיטאָר, דער זיידע פון די העברעאישע און אידישע שרייבער און זשור־נאַליסטן אין אונדזער מדינה, האָט געקענט איינפאלן דער געדאנק ארויסצוריידן אינעם רמב״ם־יאר אין א דורך־און־דורך פאלקטימלעכער שריפט אזוינע ענינים ווי די און יענע וועלט, ידיעה און בחירה, מסורה און חידושי הלכה. דער עיקר איז דערביי ניט דאָס, וואָס ער טוט עס אין אידיש (ס׳איז פאַראַן אויף אידיש א היבשע

רמב״ם־ליטעראַטור, בתוכה אפילו א ״קיצור מורה נבוכים״, וואָס איז ארויס אין אַמעריקע, שוין ניט גערעדט וועגן דער פולער אידישער איבערזעצונג דערפון, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין וואַרשע אין 1935 צו רמב״ם׳ס 800־סטן געבוירן־טאָג). דער עיקר איז, וויאַזוי ער טוט עס: די מיושב׳דיקע, ליטוועש־רייסישע וואַרעמע פרומקייט, וואָס נעמט דורך יעטווידן פרק פון זיין שריפט; דאס פיין אויסגעהאַלטענע גלייכגעוויכט פונעם חקירה־און סיפור־המעשה־עלעמענט דעריין, אדער, אנדערש געזאָגט, צווישן דער רמב״ם־הלכה און דער רמב״ם־אגדה. הקיצור, מיט אַ יובל יאָרן צוריק, בעת ס׳איז געוואָרן ערשט 700 יאָר נאָך דעם רמב״ם פטירה, פלעגן אידישע זיידעס אין ליטע און רייסן דערציילן זייערע אייניקלעך אומגעפער בזה הלשון וועגן וועמען און וועגן וואָס עס רעדט זיך, ווען עס ווערט דערמאָנט אָט אַ דער נאָמען. ווען זיך געפינען היינטצוטאָג צווישן די אייניקלעך פון יענע אייניקלעך א סך אזוינע, וואָס וועלן פונקט אזוי גוט אויפנעמען ר׳ אריה לייב׳ס שמועסן וועגן רמב״ם, ווי ער אַליין האָט זיי איינגעזאַפט אין זיינע אייגענע יונגע־יאָרן ?—נאכאמאָל—הלוואי, הלוואי!

געוויס, ס׳איז אַן אַנדער צייט, אַן אַנדער דור. וואו האָדעוועץ זיך היינט מענטשן, ווי ס׳האָט זיך געהאָדעוועט אונדזער מחבר, אין א חדר, אין א ישיבה, מיט א טיפער ליבשאַפט פאַר לשון־קודש און פאַר דברי־קודש בכלל? פאַר אים איז עס געווען ניט שווער צו ווערן שפעטער אין ענגלאַנד הן אַ חשובער העבראַאישער שרייבער און פעדאגאָג, הן אַ אידישער זשורנאַליסט. היינט איז אַלץ געטיילט און געשפאָלטן. וואָס איז אָבער יאָ געבליבן אַפילו אין אונדזער צייט, בפרט אומעטום וואו עס רעדט זיך נאָך אידיש, איז די אַלט־אידישע באוואוסטזיניקע אָדער אומבאוואוסטזיניקע פרומע וואַרעמקייט שבלב, וואָס פאַרבינדט אונדז טיף אינעווייניק מיט אַלע אונדזערע פאַרצייטיקע גדולים, בתוכם מיטן רמב״ם זצ״ל.

אין אָט דעם אויר איז ל. ש. קרעדיטאָר׳ס „פאָלקסטימלעכע מאָנאָגראַפיע״ עלול צו געפינען אַ שטאַרקן, א וואַרעמען און א פרומען אָפּקלאַנג.

לאָנדאָן, מרחשון התשט״ז.

**אהרן שטיינבערג.**

# למרנן ורבנן

רבותי, מיטן גרעסטן כבוד צו אייך, ווען מענס נאמען פון רמב״ם איז הייליק און טייער, אפילו צו די וואס געהערן צו די „בעלי־השגות״ און ניט צו די „השגות על השגות״. איר לומדים וועט זיך אפשר א קרים טאָן און מיט ביטול זאגן: „ווי קומט א אידישער זשורנאליסט צו שרייבן וועגן אַט דעם וועלט גאון און זיין ירושה וואס ער האט אונדז געלאָזן ?״

אַזאַ טענה וואלט געווען א גערעכטע ווען אט דער שרייבער וואלט זיך אויך פארנומען מיט „השגות״, אויפווייזענדיק מיט סברות, ראיות פון ש״ס און פוסקים, אז דער רמב״ם איז גערעכט אדער אומגערעכט.

אבער ווען א אידישער זשורנאליסט וויל דערמאנען דעם רמב״ם׳ס נאָמען צו זיין 750־טן יאָרצייט, אדער צו זיין 820־טן געבורטסטאָג, און דערציילט אייך געשיכטלעך וואָס דער אדער יענער היסטאָריקער האָט געזאָגט, אדער וואס דער אָדער יענער גאון האָט געזאָגט אויפ׳ן רמב״ם, אין אַ לייכטן לשון וועלכן יעדער איד וועט קאָנען לייענען, פאַר־שטיין און וויסן וואס פאַר א גרויסע ליכט מיר האבן פאַרמאָגט און וואָס פאַר א טייערע ירושה ער האט אונדז איבערגעלאזן, זע איך ניט אין דעם קיין איסור, אז א אידישער זשורנאליסט זאָל דאס ניט טאָרן טאָן. איז דען „הזכרות נשמות״ דער מאָנאָפּאָל פון די רבנים? האָט ער דען איבערגעלאזן זיין ירושה נאָר פאַר אייך לומדים און ניט פאַר אימעצן אַן אַנדערן? זאָגט דען ניט דער רמב״ם פאַרוואָס ער האָט געשאַפן זיין „משנה תורה״?

איך מיין אז כל ישראל יש להם חלק ברמב״ם.

געדיינקט איר די מעשה?—

ווען דער „נער״ איז אריינגעלאָפן צו משה רבינו און געזאגט, אז אלדד און מידד זאָגן נביאות אין לאגער. האט זיך יהושע, זיין משרת, אָפּגע־רופן: משה, מיין הער, נעם און פאַרלענד זיי (אדער שליס זיי אין תפיסה, דאס ווארט „כלאם״ האט צוויי מיינונגען), וואס האָט משה געזאגט? „המקנא אתה לי, מי יתן כל עם ה׳ נביאים״ דו נעמסט זיך אָן מיין קריוודע? דו ביסט אייפערזיכטיק פאַר מיר? הלוואי וואלט גאָט געבן, אז דאס גאנצע פאָלק זאל ווערן נביאים.

איר, מרנן ורבנן, זייט אזוי ווי משה און ניט ווי יהושע. באציט אייך צום פאָלק און צום פאָלק־מענטש מיט מער כבוד, לייענט און הערט וואָס אַן איינפאכער זשורנאליסט דערציילט ניט בלויז וועגן „אייער רמב״ם״, נאָר וועגן „אונדזער רמב״ם״ וואס האט זיינע ווערק געשאַפן ניט בלויז לפי רוב הלימוד נאָר לפי רוב ההבנה.

ווער עס געפינט זיך געטראָפן — אים מיין איך. המחבר.

# אַריינפיר:

אין ספר „תולדות הפוסקים" ווערט געבראכט: ווען ווילנער לומדים האָבן זיך באקלאָגט פאר דעם ווילנער גאון, אז י. אשכנזי לערנט פאר דעם עולם דעם רמב"ם'ס פילאסאפישע ווערק „מורה נבוכים", האט ער זיי געענטפערט: „זאָל מיר, השם יתברך, אפהיטן צו באַרירן דעם כבוד פון רמב"ם, וועלכער איז די ליכט פון אונדזערע אויגען, הלוואי וואלט איך זוכה געווען צו זיין מיט אים אין איין מחיצה פון גן־עדן".

און אויפן ווילנער גאון האָבן די גדולי־הרבנים געזאגט: „דאס זינט דעם רמב"ם איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן אזאַ גאון ווי רבי אליהו פון ווילנע".

תורה—אידן מעגן זיך זיכער פאַרלאָזן אויפן ווילנער גאון, אז דאס וואס ער האט געזאָגט, האט ער געוואוסט וואס ער זאָגט.

אַנדערע פאָרשער האבן זיך אויסגעדריקט, אז דער רמב"ם איז דער מוח פון אידישן פאלק. מיט זיין „מורה־נבוכים" האָט ער געעפענט די פאַרשלאסענע טיר הינטער וועלכע עס האָט זיך געפונען דער סוד פון געטלעכקייט און די געהיימניס פון דער בריאה.

רעליגיעזע חכמים האָבן געזען אין רמב"ם, דעם „עמוד־האש" וואס האט געוויזן דעם וועג צו די מדבר־אידען. מיט זיינע „דרייצן אני מאמין'ס" וואס מיר זאגן יעדן טאָג, נאכן דאַוונען, האט ער אוועקגעלייגט אלע יסודות פון אונדזער אמונה.

דער גאון רבי יעקב בירב, אויף וועמען די גדולים פון זיין צייט האבן געזאָגט, אז ער איז א „יחיד בדורו", האָט אין א מחלוקה וועגן „סמיכה" מיטן דיין פון צפת, זיך פאַרלאָזן אויפן פסק־דין פון רמב"ם און דערמיט געוואונען די אנדערע ארץ־ישראל רבנים און געגעבן „סמיכה" צו אייניקע פון זיינע תלמידים. [וועגן דעם ענין וועט נאך אויסקומען צו ריידן] ס'איז אויך אינטערעסאנט דא צו וויסן, אז אט דער גאון, ר' יעקב בירב, איז געווען דער רבי פון גאון ר' יוסף קארו, דער בעל „השולחן ערוך", העכסט וויכטיק איז די אפשאצונג פון דעם גאון ר' ידעיה הפניני, דער מחבר פון ספר „בחינת־עולם". ער זאגט: „דער רמב"ם איז דער לעצטער פון די גאונים און דער ערשטער אין חשיבות. עס איז נישטאָ זיין גלייכן צווישן אלע חכמים נאכן אָפשלוס פון תלמוד".

דער פּאָפּולערער רב, משכיל און היסטאָרישער פאָרשער, ש. י. ראַפּאָפּאָרט (שי"ר) דערלויבט זיך צו זאָגן אויפן רמב"ם, אין אַ בריף קעגן דעם רמב"ם'ס קעגנער „דאָס אַזעלכער ווי דער רמב"ם איז נאָך ביז איצט נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט".

מיר האָבן דאָ בכוונה געבראַכט אייניקע פון די מיינונגען פון די גרויסע צאָל גאונים און געלערנטע, צו שליסן דערפון, אַז עס איז, בעצם, נישטאָ מער וואָס צו זאָגן וועגן רמב"ם. נאָר אַזוי ווי די אַלע מיינונגען און אינטערפּרעטירער פון רמב"ם האָבן זייערע מיינונגען אויסגעדריקט אין אַזעלכע לשונות, וואָס איז נישט צוגענגלעך צו דער ברייטער אידישער מאַסע וועלכע רעדט און לייענט אידיש. מיינען מיר, אַז ביי דער געלעגנהייט פון זיין 750־יאָריקן יאָרצייט, איבערהויפּט ביי דער געלעגנהייט, וואָס דער יאָר איז זיין 820 יאָריקער געבורטסטאָג, זאָל זיין נאָמען, ווערק און פאָרשונג אויך באַקאַנט ווערן צווישן אידיש־ריידנדן עולם, אין אַ לשון וואָס איז קנאַפּ, און קאָרג, געשריבן געוואָרן וועגן אים, אויסער אין צייטונגס אַרטיקלען, ס'איז דאָך דער „רמב"ם־יאָר" און דאָס דערמאָנונג פון זיין נאָמען און שאַפן איז שוין געוואָרן אין דער בחינה פון אַ מצוה און „צו־השעה".

דערביי וויל דער שרייבער פון די אַריינפיר שורות זאָגן, אַז ער וואָגט ניט מוסיף זיין אויך ניט מינערן פון דאָס וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן פון די וועלט־חכמים. די כוונה איז דאָ איבערצוגעבן, בקיצור, וואָס עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אין אַ פּאָפּולערער פאָרם און באַלייכטונג. מעגלעך, אַז דרך־אגב זאָל זיך אַנטפּלעקן אַ פאַרגעסענער געדאַנק אָדער אפילו אַ ניי־וואָרט, וואָס קאָן דינען אַלס פאַרבן־שטריך צו דאָס קאָלירפולע בילד און געשטאַלטונג פון דעם גדול־הדורות, וואָס פון זיין תורה און חכמה קוואַל האָבן דורות געטרונקען, און עד היום קוויקן מיר זיך און שטאָלצירן מיטן נאָמען—רמב"ם!

מיט די עטלעכע אַריינפיר ווערטער, הויבן מיר אָן דעם ערשטן קאַפּיטל, „דער רמב"ם אַלס פּוסק אחרון". אַ נאָמען צו וועלכן לומדים און בעלי־הוראה וועלן זיכער מסכים זיין, ניט רעכענענדיק זיך מיט אייניקע וועלכע וועלן זיין קעגן אַדיעקטיוו— „פּוסק אחרון".

# געבורט און וואוקס פון רמב״ם.

מיט 820 יאר צוריק, דעם 30־טן מארץ, וואס איז דאמאלסט אויסגעפאלן אונדזער ערב־פסח, איז ביי דעם דיין פון קארדאווא, רבי מיימון, געבוירן געווארן, מיט מזל, א זון, וועמען די עלטערן האבן א נאמען געגעבן משה.

דער נאמען זאל האבן געווען א מין נבואה־פאראויסזעאונג, ווייל דאס האט רבי מיימון ניט געגעבן דעם נאמען נאך זיין טאטן, זיין פאטער האט געהייסן יוסף, אויב מיר זאלן אנעמען, אז דאס איז א „פרעדעסטינײשאן״ איז עס טאקע מקויים געווארן, ווייל אויפן רמב״ם איז געזאגט געווארן „מן משה עד משה, לא קם כמשה״ דאס הייסט: פון משה רבינו ביז משה בן מיימון, איז נאך ניט געווען אזא משה.

ווען ער איז געבוירן געווארן איז נאך, אפשר, ניט איינגעפאלן די עלטערן, אז דאס אינגעלע, וועט אויסוואקסן א שיינענדער שטערן פאר זיין דור, פאר די נאכקומענדע דורות און ביז היינטיקן טאג.

זיינע עלטערן האבן דאס ניט געקאנט דיינקן, מחמת אין יענעם האלבן יאר־הונדערט, האבן שוין ניט עקזיסטירט די גרויסע ישיבות פאר תורה און דעת, וואס האבן זיך אויפגעשטעלט נאך דער גאונים עפאכע. עס זיינען אויך שוין ניט געווען יענע פערזענלעכקייטן, אין גדולה און תורה, ווי א רבי שמואל הנגיד און א רבי יצחק אלפסי, נאר ווען דאס קינד האט גענומען וואקסן, האבן די עלטערן, ווארשיינלעך, יא באמערקט אין אים אויסערגעוויינלעכעס.

ס׳איז א סברה, אז גאוניות־סמנים ווייזן זיך ביי קינדער ווען זיי זיינען נאך אין די „ווינדעלעך״; אין די בליקן, אין דער רירעוודיקייט און אין די תנועות קאן מען פילייכט, דערקאנען דעם צוקונפטיקן זשעני, ווען ער איז נאך אן „עופעלע״.

דער פאטער, רבי מיימון, אליין א מופלג בתורה מיט ידיעות אין אלגעמיינע וויסנשאפט פון יענער צייט, האט דעם קליינעם משה׳ן גענומען אונטער זיין השגחה און געווארן זיין רבי. ער האט זיך דאס אונטערגענומען ניט בלויז דערפאר, ווייל ער האט געוואלט מקיים זיין דעם „ושננתם לבניך״, נאר אויך דערפאר, ווייל ער האט ניט געפונען אין קארדאווא א בעסערן מלמד ווי זיך.

ס׳איז איבעריק צו קאנסטאנטירן דעם פאקט דאס דער פאטער האט נאך אין משה׳ס קינדער יארן דערקאנט אין אים אן אויסערגעוויינלעכן מוח. א רואיקער,

א פֿאַרטראַכטער, נאָר מער וואונדער האָט ער דערזען אין אים, ווען ער האט אים געגומען לערנען. משה׳ס קשיות און תירוצים, משה׳ס שאַרפֿקייט און שכל־הישר, האָט דעם פֿאָטער מוט און ענערגיע געגעבן איינצופֿלאַנצן אין זיין זון אַן אומבאַ־גרענעצטע ליבשאַפֿט צו אידישע און אַלגעמיינע וויסנשאַפֿט. דער פֿאָטער אַליין איז אויך געווען געלערנט אין אסטראָנאָמיע, געאָמעטריע און א מחבר פֿון ספרים אויף דעם געביט.

צוזאמען מיט תלמוד און פוסקים האט ער אים אויך דערצויגן אויף דער וויסנשאַפֿט פֿון יענער צייט, און דער יונגער משה האט באוויזן גוואַלטיקע פֿייאיקייטן און נייגונגען צו חידושים.

ביז בר־מצוה איז דער פֿאָטער געווען דער רבי און דער זון דער תלמיד. נאָר אין מאַנכע מאָמענטן איז דער תלמיד געוואָרן דער רבי און דער רבי—דער תלמיד.

ווען משה איז געוואָרן דרייצן יאָר אַלט, איז די פֿרייד און רו אין רבי מיימון׳ס הויז צושטערט געוואָרן. אַן אומגליק איז באַפֿאַלן די שטאָט קאָרדאָווע, די עקסטרימע מחמדאַנישע סעקטע, די אלמוהאַדים, האָבן אין יאָר 1148 די שטאָט איינגענומען, און באַלד האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז די קריסטן און די אידן, וועלכע געפֿינען זיך אין שטאָט, זאָלן זיך אויסקלייבן איינע פֿון די דריי באַפֿעלן: ענטוועדער אַרויסגעטריבן צו ווערן און זייער גוטס און האָב זאָל קאָנפֿיסקירט ווערן, אָדער אָנצונעמען דעם מחמדאַנישן גלויבן, און אויב זיי נעמען ניט אָן איינע פֿון די צוויי גזירות, זיינען זיי פֿאַראורטיילט צו אַ גרויזאַמען טויט.

מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן די לאַגע פֿון די אידן בכלל און פֿון די מיימון פֿאַמיליע בפֿרט. דער גרעסטער טייל פֿון די אידן אין קאָרדאָווע, האָבן איבערגעלאָזן אַלץ וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט און זיך געלאָזן גיין אין גלות, וואו די אויגן וועלן זיי טראָגן, און רבי מיימון, מיט משה׳ן און די גאַנצע פֿאַמיליע האבן אויך, צוזאמען מיטן אידישן קהל, זיך געלאָזן גיין פֿון דער שטאָט, וואו זיי האבן גליקלעך און צופֿרידן געלעבט, זוכן אַ ניי ווינקל וואו צו לעבן אַלס אידן.

יענער צייט זיינען נאָך געווען שטעט אונטער דער ממשלה פֿון די קריסטן, וואו עס האָט ניט געהערשט די גזירה פֿון שמד, און וואו אידן האבן געהאט רעכט צו לעבן. האָט זיך די מיימון פֿאַמיליע דערשלעפּט צו דער קריסטלעכער שטאָט אַלמיריע. נאָר אויך אין דער שטאָט האָבן אידן לאַנג ניט געקאָנט פֿאַרבלייבן, ווייל אומגעפֿער אין אַ יאָר אַרום, 1151, איז אויך די שטאָט אַלמיריע איינגענומען געוואָרן פֿון די ווילדע רעליגיעזע פֿאַנאַטיקער, די אַלמוהאַדים, און ווידער מוז די פֿאַמיליע מיימון נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין די הענט.

אזוי האט רבי מיימון מיט זיין פֿאַמיליע געגומען וואַנדערן פֿון שטאָט צו שטאָט און פֿון לאַנד צו לאַנד. נאָר דאס וואַנדערן און אַרומשלעפּעניש האבן קיין השפעה ניט געהאַט אויף משה׳ס לוסט צו תורה און חכמה. ער איז געוואַקסן אזוי ווי אַ שטאַרקער צעדערבוים וואס קיין שטורם קאָן ניט צוברעכן און געוואָרן אַ פערזענ־לעכקייט מיט אַ באַרימטן נאָמען.

אַנזעטיקן זיך מיט דער תורה און חכמה פֿון פֿאָטער, האט ער זיך גענומען צו

די וויסנשאַפט פון די אַראַבישע חכמים: נאַטור־וויסנשאַפט, מעדיצין, אַלגעברע און פילאָזאָפישע פאָרשונג.

א באַזונדערע ליבשאַפט האָט ער געהאַט צו דער מעטאַפיזישע פאָרשונגען, צו דאָס הימעלשע און געטלעכע. שליסנדיק באַקאַנטשאַפט מיט די גרויסע אַראַבישע דיינקער האָט ער רייכער זיך איינגעשאַפט זיין וויסן און פיל געלערנט פון זיי און זיי פון אים.

זיין טיפע און ברייטע אידישע וויסנשאַפט צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע פילאָזאָ־פישע לערע, האָט משה געגומען לייטערן, קריסטאַליזירן און אָפּטרייסלען דעם שטויב און ווידערוואוקס פון זיי. מיט טיפער פאַרשטענדניס האָט זיין אויג אַריינגעקוקט אין די ערדישע פּראָבלעמען און אין די הימלישע רעטענישן, זיין נאָמען אין פילאָזאָפישע פאָרשונג איז אַזוי הויך געשטיגן, אַז די אַראַבישע וועלט האָט אים גערופן „דער אידישער אַריסטאָטעלעס".

דער באַגריף איז ביי די היינטיקע אידישע דיינקער געבליבן, דאַס דער רמב"ם איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון אַריסטאָטעלס פילאָזאָפיע. אין אמת'ן איז נאָך וועגן דעם אַ גרויסער ספק. מעגלעך, אַז ווען דער רמב"ם וואָלט געלעבט פאַר אַריסטאָטעלס, וואָלט מען אפשר געזאָגט, אַז אַריסטאָטעלס איז געווען באַאיינפלוסט פון רמב"ם. וואָרום סוף כל סוף, ווען דער דיינקער, אחד־העם, אין זיין אַרטיקל, „שלטון השכל" אין וועלכן ער גיט אָן אויספירלעכע אָפּשאַצונג וועגן רמב"ם און באַשטימט, אַז דער רמב"ם האָט געהאַט אַן השפעה פון אַריסטאָטעלס, קומט דאָך צו דער אויס־פירונג, אַז דער רמב"ם אין זיין פילאָזאָפיע איז פיל ווייטער געגאַנגען פון אַריסטאָטעלס. מיר מעגן דאָך גלויבן, אַז דער רמב"ם מיט זיין געניאַלן מוח, מיט זיין טיפע פאַר־שטענדניס און מיט זיין שכל־הישר, האָט שוין געהאַט אין מוח זיין „מורה נבוכים", זיין „ספר המדע" און זיין גאַנצע שיטה חקר־אלוה, איידער ער האָט נאָך אַריינגע־קוקט אין אַריסטאָטעלס שריפטן. אמת, צוויי חכמים קאָנען ניט באַזיצן דעם זעלבן סטיל און פאָרם, אָבער זיי קאָנען האָבן איין געדאַנקענגאַנג. פאַרוואָס זאָלן מיר אָנעמען אַז דער רמב"ם איז געווען באַאיינפלוסט פון אַריסטאָטעלס?

דער אידישער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר גרעץ זאָגט, למשל: „לויט דעם אופן פון רמב"ם'ס פאַרשטענדניס און זיין גייסטלעכן גאַנג, האָט ער אונפאַרמיידלעך געמוזט זיין אַ פאַרערער פון דעם גריכישן פילאָזאָף, פון סטאַגיאַ, (אַ שטאָט אין מאַצעדאָניע, וואו אַריסטאָטעלס איז געבוירן געוואָרן) אָט דער גרויסער, גריכישער פילאָזאָף, וועלכער האָט צו גאָרנישט געמאַכט די מיינונגען פון אַלע פילאָזאָפן, וואָס האָבן געלעבט פאַר אים, וואָס זייער אַרט דיינקן האָט מען געקאָנט אויסטייטשן אויף פאַרשידענע אופנים, ניט ווי אַריסטאָטעלס, וואָס האָט זיין פילאָזאָפישע שיטה קלאָר און פאַרשטענדלעך געמאַכט. אין יענער צייט פון רמב"ם, האָט אַריסטאָ־טעלס זיך דערוואָרבן פיל פאַרערער און אָנהענגער צווישן פיל דיינקער, אידישע און אַראַבישע. די קריסטלעכע פילאָזאָפן זיינען נאָך ניט געשטאַנען אויף דער מדריגה צו פאַרשטיין דעם ווערט פון אַריסטאָטעלס און זיינע מיינונגען. קיין איינער ניט, פאַר דעם רמב"ם, האָט אַזוי זיך פאַרטיפט אין גאָט־פאָרשונג, אין בריאת־

העולם געדאנק פון אריסטאטעלס, אזוי ווי דער רמב״ם. דערפאר האט ער זיך פארליבט אין אריסטאטעלס אַרט־דיינקן. ער האט אים פארשטאנען, געפאָרשט און אויך געוואוסט די סתירות פון זיין פילאזאפיע״.

„פארשטיין און פארטיפן זיך״ אין אימעצענס געדאַנקן קאן נאך ניט באשטימען אז מען ווערט באאיינפלוסט, והראיה, אז גרעץ אליין איז מודה, דאס דער רמב״ם האט אויך געזען די סתירות אין אַריסטאטעלס פילאזאפיע. דעם רמב״ם׳ס פארטיפן זיך אין דעם גריכישן פילאזאף׳ס שיטה איז געווען כדי צו וויסן אין וואס ער איז ניט אויסגעהאלטן, פיליכט האָט דער רמב״ם געפונען אין אריסטאטעלס דאס, וואָס ער, דער רמב״ם, האט געהאט פריער אין זינען.

לאָמיר זען וואס דער רמב״ם אליין זאָגט אין זיין „מורה נבוכים״ חלק ב. וועגן אריסטאטעלס מיינונג איבער בריאת־העולם:—

„אַריסטאָ, מיט זיינע פאנטאַסטישע השערות, שטיצט זיך און האלט, אז די וועלט איז א „קדמון״, דאס הייסט, אז גאט האָט די וועלט ניט באַשאַפן. פארוואָס זאָלן מיר זיך ניט שטיצן אויף משה רבינו און אברהם אבינו און ניט אויף די „הזיות״ פון אריסטאָ? ס׳איז פיל מער פארשטענדלעך צו גלויבן, אז אונדזער תורה איז אמת און ניט גלויבן די פוסטע רייד פון אריסטאטעלס״.

אין אמת׳ן איז דאָך די גאנצע פילאזאפישע שיטה פון רמב״ם געבויט אויף דער שטאַרקער אמונה, דאס גאט האָט באשאפן די וועלט, דאס איז דאָך דער יסוד. דער „חוט השדרה״ פון רמב״ם פילאָזאָפיע, ער האָט אָט דעם גרויסן אמת אויפגעוויזן דורך זיינע פילאזאפישע געדאַנקן. עס איז ניט וויכטיק וואס די הנחות, דעם סדר און אופן פון דערקלערן זיין שיטה איז גענומען פון אריסטאטעלס. וויכטיק איז דער הויפט געדאנק, אז עס איז דא א גאָט וואס האט באשאפן די וועלט. גלויבט מען אין דעם „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ״ קאן מען שוין גלויבן, אַז גאָט האָט זיך אנטפלעקט אויפן באַרג סיני און אונדז געגעבן די תורה דורך משה רבינו, קאָן מען שוין גלויבן אין די זעאונגען און נביאות פון אונדזערע נביאים, אז גאט׳ס גייסט האט פון זיי ארויסגערעדט. (דעם רמב״ם׳ס ווערטער.)

דאָס האט אריסטאטעלס ניט געגלויבט. איז שוין אין גרונט־פרינציפ א גרויסער אונטערשיד צווישן די צוויי דיינקערס. דאס איבעריקע איז ניט וויכטיק צו דער רמב״ם איז יאָ געווען באאיינפלוסט פון דעם גריכישן פילאזאף אָדער ניט.

אגב, איז דען דער רמב״ם געבליבן ביי אונדז דער גדול־הדורות צוליב זיין פילאזאפיע אדער צוליב זיינע טיפע, ברייטע וויסן פון תלמוד־בבלי, תלמוד־ירושלמי, ספרי, ספרא, תוספתא, די סברות הגאונים, שאלות ותשובות, און אלץ וואס איז געשאַפן געוואָרן אין יהדות פון משה רבינו ביז זיין צייט? זיין „יד החזקה״ לערנען אלע רבנים פון היינט, און עס האָבן געלערנט אלע אין זיין דור און אין אלע דורות. רבנים, פוסקים און היינטיקע גאונים קאנען זיך באגיין אָן „מורה־נבוכים״, זיי קאָנען זיך אבער ניט באגיין אָן דעם „פירוש המשניות״ און אָן דעם „משנה־תורה״, דאָס הייסט: דעם „יד־החזקה״, אין אלע ספיקות פון הלכה, פסקן א דין, א „שאלה״ גיט מען גלייך א קוק וואס זאָגט דער רמב״ם.

ביי אונדז איז דער רמב"ם דער פוסק־אחרון, דאָס לעצטע וואָרט טראָץ די אָבפּרעגונגען די "השגות" פון מאַנכע גדולים. בנוגע זיין פילאזאפישן דיינקן וועלן מיר באַרירן אין די ווייטערדיקע קאפּיטלעך.

# איינפלוס און באאיינפלוסט ווערן.

אלס אריינפיר צו דעם קאפּיטל ווילן מיר זיך דערלויבן קלערער צו מאכן דעם געדאנק פון "השפעה" און "מושפע", וואס אין אונדזער אידיש־לשון מיינט: "איינפלוס" און "באאיינפלוסט זיין".

אזוי ווי "מושפע" קאָן ניט זיין אָן "השפעה", אזוי קאָן "השפעה" ניט זיין אָן מושפע. דאס הייסט: דער וואס ווערט באאיינפלוסט מוז האבן אין זיך זעלבסט, מער אדער ווייניקער, די קוואליטעט פון דעם באאיינפלוסער. דער באאיינפלוסער מוז האָבן דעם "אימיצן" וועמען צו באאיינפלוסן. ניט יעדערער קאָן ווערן באאיינפלוסט און ניט יעדערן קאָן מען באאיינפלוסן.

אַ טיפער געדאַנק, אַ טיפע אידעע און אַן ארגינעלע, מוז האָבן דעם טיפן דיינקער און דעם ארגינאַלן מענטש צו קאָנען ווערן באאיינפלוסט. אָפט טרעפט, אַז דער גדול וואָס ווערט באאיינפלוסט, דערהויבט זיך העכער אין מדריגה ווי דער באאיינפלוסער.

ווען מיר זאָלן האלטן פון דער מיינונג, אז ברוך שפינאָזע איז געווען באאיינפלוסט פון דעקארטעס, פון רלב"ג אָדער פון רמב"ם, איז ער נאכאַלעמען געבליבן היינט דער גרעסטער צווישן זיי, אין זיין פילאָזאָפישן טיפן דיינקן.

היסטאריקער גיבן ניט אָן די געשיכטע פון רמב"ם'ס יוגנט, נאר עס איז פאַרשטאנען, דאס זיין פאָטער, וועלענדיק אז זיין זון משה, זאל אויסוואקסן א רב אדער א דיין, האָט אים אויפגעבראכט אויף תורה און אראַבישע וויסנשאַפט. ס'איז דערפאר קיין ספק ניט, אז ווען דער יונגער משה האָט געלערנט דעם תנ"ך און געקומען צום נביא יחזקאל, וואס הויפט אָן זיין נבואה מיט דער "מעשה־מרכבה", האט זיכער זיין יונגער מוח געצומען טראכטן וואס אין די הימלן טוט זיך. ער האט געוויס דעמאלט ניט געלערנט און אפשר ניט געזען אריסטאטעלס שריפטן.

עס איז אויך זיכער, אז אריסטאָטעלס עטישע לערע האט ער ערשט געצומען לערנען, נאכדעם ווי ער האט איינגעזאפט אין זיך די עטיק פון "פרקי"־אבות, ס'איז דערפאר געדרונגען, אז סיי אין זיין טעאלאגישע רעליגיעזע דעות און סיי אין די עטישע־מאָראלע לערע, האט ער ניט באדארפט קיין איינפלוס פון אריסטאטעלס. אור־היהדות האט ער געפונען פריער אין אונדזערע אוצרות.

ווען מיר זאלן גלויבן די לעגענדעס וואס ווערט דערציילט וועגן אט דעם גריכישן פילאָזאָף, קאן גאר זיין, אז אריסטאטעלס האָט חרטה געהאט אויף פיל פון זיינע טעאָלאָגישע מיינונגען. און די אויפקלערונג האָט אים געגעבן א אידישער חכם, איינער פון די אנשי־כנסת הגדולה.

אמת, ס׳איז בלויז א לעגענדע, אבער אין יעדע לעגענדע, ארום א גרויסן מענטשן, געפינט זיך אַן עסענס פון אמת.

אריסטאטעלס, ווי באוואוסט, איז געווען אלכסנדר מוקדון׳ס רבי, דערציילט די לעגענדע, דאָס אין א בריף צו זיין גרויסן תלמיד, אלכסנדר, האָט ער געשריבן, אז ער האט געענדערט פיל פון זיינע פילאזאפישע דעות, מיינונגען און דאגמעס. א חכם פון די אידן האט אים אויפגעקלערט, אז זיי זיינען ניט דער אמת וואס ער זוכט. דער נאמען פון דעם חכם איז געווען, זאגט ער, שמעון.

אז אריסטאטעלס האָט געלעבט, אין דער צייט פון שמעון הצדיק איז געדרונגען פון דער אגדה אין תלמוד:— ווען אלכסנדר מוקדון, איז אריין אין ירושלים, האט אים שמעון הצדיק באגעגענט. מעגלעך אז דער קעניג אלכסנדר איז דאמאָלסט געווען באגלייט פון זיין רבי׳ן אריסטאטעלס, און שמעון האָט געהאט מיט אים א פילאזאפישן געשפרעך.

א צווייטע לעגענדע, אין שייכות מיט דעם, ווערט דערציילט: ווען אלכסנדר מוקדון האט איינגענומען ירושלים האָט ער פון דארט געבראכט די מגילה „קוהלת״, א מתנה פאר זיין רבין אריסטאטעלס, נאכן דורכלערנען „קוהלת״ האט אריסטאטעלס גענומען שרייבן זיינע פילאָזאָפישע טעזעס.

נאָך א לעגענדע איז פאַראַן, אז אריסטאטעלס האָט זיך מגייר געווען. נאר ווען דער רמב״ם האָט הארמאנירט זיין פילאזאפיע לויט אריסטאטעלס, איז שוין צווישן אידן געשאפן געווארן א לעגענדע, אז אריסטאטעלס איז געווען א איד און ער שטאַמט פון שבט בנימין.

מיר זיינען ניט מחויב צו גלויבן אין די אלע לעגענדעס, נאר פון אט די לעגענדעס שאפט זיך דער באגריף, אז אין יענער צייט, ווען זיי האבן זיך געשאפן, איז נאך קיין שום מחשבה ניט געווען, דאס דער רמב״ם איז באאיינפלוסט געווען פון אריסטאטעלס.

מיר ווען דערפאר לאָזן די חקירה פון יא איינפלוס און ניט איינפלוס פאר די היסטארישע פאָרשער. נאר עס איז פיליכט אין פלאץ צו באמערקן א געוויסן „איב־פיריאָריטי קאמפלעקס״ אין מאנכע געלערנטע פון אונדזער פאלק. דערזעט מען א גרויסן מענטשן ביי די אומות־העולם, זוכט מען גלייך זיין אפשטאמונג, און מען מאַטערט זיך אים מגייר צו זיין, אדער, אז ער שטאַמט פון אידן, מען האָט דאָך אפילו שעקספיר׳ן שיער געמאכט, אז ער שטאַמט פון אידן.

נאָך א שוואכקייט פון אונדזערע געלערנטע גרויס איז, אז ווען עס באווייזט זיך ביי אונדז א גדול וואָס ווערט באַרימט, נעמט מען זוכן פון וועמען ער איז געוואָרן באַאיינפלוסט.

## זיך גערעטעט פון טויט

מיר האבן, אין ערשטן קאפיטל, איבערגעלאזן די פאַמיליע מיימון וואַנדערנדיק אין דער ווילדער פאַנאטישער מחמדאנישע שפאניע, פון איין שטאָט צו דער צווייטער זוכענדיק אן ארט וואו צו קאנען לעבן אלס אידן.

מאנכע היסטאריקער ווי דר. קארמולי און דר. מונק, באהויפטן, דאס די פאמיליע האט געלעבט אין שפאניע אונטער דער מאסקע פון מחמדניזם, דאס מיינט, אז זיי האבן מיטן מויל געזאגט אז מחמד איז א נביא. דאס זעלבע זאגן אויך מאנכע אראבישע שריפטשטעלער, וואס האבן געלעבט אין דער זעלבער צייט. נאר דאס ווערט אפגעלייקענט, און גערעכט זיינען די וואס לייקענען דאס אפ. ווארום ווען די מיימון פאמיליע וואלטן מיטן מויל מודה געווען, אז מחמד איז דער אמת׳ער נביא, וואס דאס אליין איז שוין גענוג געווען צו האבן פולע פרייהייט אזוי ווי די אמתע מחמדאנער, וואלט דאך די פאמיליע ניט באדארפט ארומוואנדערן אויף וועגן און שליאכן צו געפינען ערגעץ אן ארט, וואו צו לעבן אלס אידן. דאס איז א גענוגענדע איבערצייגונג אז אין שפאניע האט די פאמיליע זיך ניט פארמאסקירט און זיך געהיט מען זאל איר ניט כאפן, דערפאר האט זי ארומגעוואנדערט א פיר יאר און זיך אפגעהיט. נאר, ניט קאנענדיק, ווארשיינלעך, מער זיך באהאלטן, האט די פאמיליע אויסגעוואנדערט פון שפאניע און אוועק קיין פעס, דרום אפריקע (מארקא).

דער אידישער היסטאריקער, גרעץ, זאגט, אז מען ווייס ניט די סיבה פארוואס די פאמיליע האט אויסגעוואנדערט פון איין לאנד וואו מען האט געצוואונגען אידן צום שמד און אוועק אין אן אנדער לאנד, וואו דארט האט אויך די זעלבע גזירה געהערשט. אין דער שטאט פעס, זאגט דער היסטאריקער, האט זיך ניט געפונען קיין איין איד, וואס זאל ניט טראגן די מאסקע אלס מחמדאנער. דאס הייסט: וואס האט עפנטלעך ניט אנגענומען דעם מחמדאנישן גלויבן.

דארט האט דאך דאמאלסט געהערשט דער גרויזאמער און אייפערזיכטיקער קעניג, עבדאל־מומין, וועלכער האט געצוואונגען, די אלע אידן און אלע קריסטן, אז זיי זאלן אנערקענען מחמד׳ן אלס זייער נביא און אנעמען זיין תורה. זיי זיינען געצוואונגען געווען דאס צו טאן, אבער אין געהיים האבן די אידן מיט מער שטרייגקייט און ליבשאפט אפגעהיט אידישקייט מיט אלע מצוות און מנהגים.

אין דעם זין פון שמד, זיינען די אראבער ניט געווען אזוי עקסטרים ווי די קריסטן אין זייערע גזירות פון שמד. די אראבער האבן בלויז געפאדערט, אז דער איד אדער דער קריסט, זאל אין דער עפנטלעכקייט און אין קעגנווארט פון זייערע גייסטלעכע, זאגן, אז מחמד איז אמת, און זיין לערע איז אמת און זיי נעמען דאס אן.

די אראבער האבן ניט אנגעשטעלט קיין שפיאנען אכטונג צו געבן, צו דער איד היט אפ דעם מחמדאנישן גלויבן. דערפאר האבן אידן געהאט די מעגלעכקייט זיך אויסלעבן אידיש, לערנען און דאווענען אונגעשטערט.

אמת, זיי פלעגן מוזן קומען אין די אראבישע געבעט־הייזער, זאגן, אז מחמד איז אמת און זיי גלויבן אין אים. אבער דאס האט ניט געשטערט די אידן צו גלויבן אין גאט און תורת משה אין זייערע היימען.

דערפאר האט דער רמב״ם געפסקנט, אז אזא מין „שמד״ גייט ניט ארונטער די קאטעגאריע פון „יהרג ואל יעבור״, דאס הייסט: אז א איד זאל זיך בעסער לאזן דער׳הרג׳ענען איידער עובר צו זיין און אנעמען אן אנדער גלויבן. דאס איז ניט

קיין עבודה־זרה, ניט קיין געצן־דינסט, אויף וואס די תורה האט אונדז פֿאַרזאָגט זיך מוסר־נפש זיין.

אין שייכות מיט דעם פסק־דין פֿון רמב״ם און אויך זיין טעאָלאָגישע פֿילאָזאָפֿיע, האָט ער געהאַט געוויסע קעגנער, נאר וועגן דעם אין די ווייטערע קאַפּיטלען.

אנדערע היסטאָריקער זאָגן, אז דערפֿאַר האט די מיימון פֿאַמיליע אויסגעוואַנדערט פֿון שפאניע קיין פעס, ווייל דער רמב״ם האָט זיך דערוואוסט, אז דאָרט, אין אַפֿריקע, געפֿינט זיך דער גאון רבי יהודה הכהן אבן שושן, וואָס האט געשמ׳ט אלס גדול און צדיק. דערפֿאַר האָט זיך די משפחה באזעצט אין פעס, און דער רמב״ם האָט געפֿונען אין דעם גאון אַ גוטן חבר.

עס איז פֿארשטאנען, אז די וואנדערונגען פֿון דער פֿאמיליע, האט אויפֿן רמב״ם קיין ווירקונג ניט געמאכט. ער האָט פֿארטגעזעצט זיין התמדה אין לערנען תורה און וויסנשאַפֿט, און אנקומענדיק אין אפֿריקע, האט ער שוין געהאַט מיט זיך א שווערן באגאַזש מיט תורה און חכמה.

די פֿאמיליע מיימון איז באשטאנען פֿון פֿאָטער, רבי מיימון, צוויי זין, משה און דוד, און זייער שוועסטער. די מוטער ווערט ניט דערמאנט, מעגלעך, אז זי איז שוין געשטאָרבן אין שפאניע.

קיין לאנגע רו האָבן זיי אין אפריקע אויך ניט געהאט. ווען דער גאון רבי יהודה הכהן איז געכאפט געווארן, אז ער היט אפּ אידישקייט, האט אים די מלוכה געצוואונגען צום שמד, ער האָט אָבער פֿאַר קיין אופֿן ניט געוואָלט אפילו מיטן מויל זאָגען, אז ער גלויבט אין מחמד, און איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

ווי עס שיינט איז דער היסטאריקער ריכטיק, וועלכער זאגט, אז אויך דער רמב״ם איז געכאפט געוואָרן אפהיטענדיק אידישקייט, מען האט אים אויך פֿאַר־משפט צום טויט, נאר א דאַנק דעם אַראַבישן אבן ישע, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פֿריינט פֿון רמב״ם, איז די משפחה געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון פעס קיין ארץ ישראל מיט די הילף פֿון אַראַבישן פֿריינט.

אין יאר 1165, אין א זונטאָג האט זיך די פֿאמיליע ארויפֿגעזעצט אויף א שיף וואס איז געגאַנגען קיין עכו. גאַנצע 28 טעג האָט זיך די שיף געוואָרפֿן אין די כוואַליעס, אפֿט האָט שוין אויסגעזען, אז אָט ווערט זי פֿארשלונגען, נאר גליקלעכער־ווייזע האָט זי דערגרייכט די ברעגן פֿון עכו, דעם דריטן טאָג אין סיון. דאס הייסט: דריי טעג פֿאר שבועות און די משפחה האט „גומל״ געבענשט.

די קהילה האָט זיי געגעבן א ווארימען קבלת־פנים, ווייל מען האט שוין גע־הערט פֿון דער מיימון פֿאמיליע. אין עכו האָט זיך די פֿאמיליע אויפֿגעהאלטן אן ערך זעקס חדשים. אין דער צייט האט די גאנצע פֿאמיליע באזוכט ירושלים, געווען אויף די הייליקע קברים אויסגיסן זייערע ביטערע הערצער, אבער מער ווי א האלב יאָר האבן זיי ניט געקאנט פֿארבלייבן אין ארץ ישראל, מחמת די ארימקייט וואס האָט דאמאלסט געהערשט אין דער קהילה, קיין נדבות האָט די פֿאמיליע ניט געוואלט נעמען. צו פֿאַרדינען דארט איז ניט געווען מיט וואָס, האָט זיך ווידער די משפחה

אויפגעהויבן און זיך געלאָזן גיין קיין מצרים. נאר דעם רמב"ם'ס פאָטער איז פארבליבן אין ירושלים עד יום מותו.

## דעם רמב"ם'ס עצה.

דאָ וועלן מיר בלייבן שטיין פאר א קורצע ווײלע, און נעמען דערציילן ווי דער רמב"ם האָט געלעבט פאר דער צייט, וואס ער האט געוויילט אין פעס, נארד אפריקע, וואָס דער רמב"ם האָט דאָרט געשאפן, און די צוויי וויכטיקע בריף וואָס רבי מיימון, דער פאָטער, און משה, דער זון, האבן ארויסגעשיקט צו די אידן, וועלכע האבן געלעבט אלס מחמדאנער און א געוויסע צאָל פון זיי האבן זיך, פון גרויס פארצווייפלונג איבערגעגעבן, אין אמת'ן צום מחמדאַנישן גלויבן. דיינקענדיק, אז גאט האָט זײַן פאלק פארלאזן.

דער בריף פון פאָטער, רבי מיימון איז באקאנט מיטן נאמען, „אגרת תימן" און דער בריף פון רמב"ם איז באקאנט מיטן נאמען „אגרת-השמד".

דעם פאָטער'ס בריף איז געשריבן אין אַראַביש, אין יאר תתק"כ, אין וועלכן עס הויבט זיך אָן מיטן פאלגענדן נוסח:

—אונזערע ברידער, בני ישראל, וואָס זיינען אונטערוואָרפן פון צרות, גאָט זאָל זיך אויף אייך דערבארעמען:

מיר באדארפן וויסן אז די יסורים וואס גאט שיקט אָן אויף אונדז איז צום גוטן. דאס אידישע פאלק, וואָס גאָט האט אויסגעוויילט פון אלע אלטע פעלקער, וועט ער זי ניט אויסבייטן פאַר אַן אנדער פאָלק. ווען אימיצער זאָגט, אז גאט האט אונדז אויסגעביטן פאר אן אנדער פאלק, איז דאס אונמעגלעך, ווייל גאָט האט זיך דאָך אויפגעפירט מיט אונדז אנדערש ווי מיט די אַנדערע פעלקער. ישראל אין גלות איז נאָך אלץ דער זון, דער בכור, פון השם יתברך, און אזוי ווי אַ מענטש באשטראָפט זיין זון אזוי איז גאט'ס שטראָף. די אידישע תורה איז ניט געגעבן גע־וואָרן אין פארבארגעניש, נאר אלע אידן האבן מיט זייערע אויגען געזען קבלת התורה און דאס וואס די אידן זיינען געבליבן א קלענערע צאל און זייערע אונטער־דריקער ווערן שטארקער און שטאַרקער, טאָרן מיר נאך ניט טראכטן, אז גאט האט אונדז פאַרלאזן און ער וועט זיך ניט דערבארמען אויף אונדז. לאָמיר זיך קערן צו אים און ער וועט אונדז העלפן, אזוי ווי ער האט צוגעזאגט משה'ן זיין קנעכט. מיר באַדאַרפן נאָר זיך משתדל זיין אפהיטן אונדזער תורה און מצוות. יעדער דארף זען אָפצוהיטן, ווי ווייט אים איז מעגלעך, אין אַזאַ צייט פון שמד. אויב מען קאן ניט דאַוונען אין צייט די תפילות, זאָל מען עס פארקירצן, מען באדארף נאָר זאָגן יעדן טאָג אַז מען איז אַ איד, א קינד פון פאלק ישראל און גאָט וועט אויפנעמען די קורצע תפילה.

דער רמב"ם האט געשריבן זיין בריף „אגרת-השמד" צוליב א געוויסן פאַנאַטי־קער און עקסטרימער חסיד, זיין נאמען ווערט ניט דערמאָנט, וועלכער האט מיט זיין פראָפאָגאַנדע צוטומעלט אלע אידן פון פעס.

ווען די דרשות און די אויפרופן זיינען צושיקט געווארן פון דעם פאנאטיקער צו די קהילות פון נארד אפריקע, איז דער רמב"ם געווען באשעפטיקט אין זיין „פירוש המשניות", אין זיין תורה לערנען און אין זיין שטודיום פון מעדיצין. פון

זיינע איבערגעבענע אַראַבישע פּריינט האט ער געלערנט די מעדיציניִשע וויסנשאַפט, און ער האָט מיט זיי געלערנט זיין טעאָלאָגישע פאָרשונג. נאָר ווען אים האט דער־גרייכט די פּראָפּאַגאַנדע פון דעם חסיד און די ווירקונג, וואס האט געמאכט אויף די אידן, האט עס אים אזוי שטארק אנגעגריפן, אז ער האט ניט געקאנט שווייגן, און איז ארויסגעטראטן מיט זיין „אגרת־השמד" אין וועלכן ער האט געטרייסט די אידן וואָס האבן, דורך צוואַנג, אנגענומען מחמד׳ס גלויבן.

דער פאַנאַטישער חסיד האט אגיטירט אין זיין בריף צו די קהילות, אז דער וואס גלויבט אין זייער נביא מחמד, איז ווען אפילו ער היט אָפּ אַלע מצוות פון דער תורה און דינט גאָט, איז ער פאַררעכנט אלס כופר בעיקר, ער איז ווי א געצן־דינער, פסול צו זאָגן עדות, זיין שבועה איז קיין שבועה ניט, זיינע קדושין קיין קדושין ניט און זיין גט איז קיין גט ניט.

דער איד וואס איז געצוואונגען צו זאָגן אין אַן אַראַבישן מאסעי (געבעט־הויז), אז ער גלויבט אין מחמד, אפילו נאָר מיט די ליפּן, ניט מיטן הארצן, און דערנאך גייט ער צו זיך אהיים און איז מתפלל צו אונדזער הייליקן איין־איינציקן גאָט אין הימל, איז דאס נאך א גרעסערע עבירה אויף וועלכער דער נביא ירמיהו זאגט: „שתים רעות עשה עמי" זאגט אויף דעם דער תלמוד: „צוויי עבירות האט מיין פאלק באגאַנגען, זיי האבן זיך געבוקט צו די געצקעס און אין דער זעלבער צייט האבן זיי זיך געבוקט אין היכל", אין בית־המקדש.

יעדער איד—האָט דער קנאי־חסיד געדרשנ׳ט—איז מחויב זיך מוסר־נפש זיין און גיין צו דער תליה, איידער מודה זיין אין די נביאות פון דעם משוגענעם מחמד. ווער עס טוט דאס ניט, איז א משומד, אפילו ווען ער היט אָפּ אַלע מצוות און לערנט אונדזער תורה.

דער המון־עם, די מאַסן אין יענער עפּאָכע זיינען ניט געשטאנען אויף א הויכער מדריגה אין תורה און וויסנשאַפט, פשוטע אידן געווען, אומשולדיקע גלויביקע. זיי האבן פארשטאַנען, אז אין דאס וואָס מען האָט זיי געצוואונגען גלויבן איז הבל־הבלים, אין הארצן האָבן זיי געפּילט און געווען אידיש פרום. איצט אָבער, אז זיי האָבן דערהערט, וואָס אָט דער חסיד זאגט, אז זיי זיינען גאר משומדים, זיי רעכענען זיך ניט אין כלל־ישראל, און וועלן זיכער קיין עולם־הבא ניט האָבן, נאר זיין אין כף־הקלע אין גיהנום, איז זיי פאַרביטערט געווארן דאס לעבן און האָבן זיך ארומ־געדרייט ווי אבלים צוטומעלטע און דערשלאָגענע.

א געוויסער צאָל פון די אנוסים האָט פון יאוש און פאַרצווייפלונג, אין אמת׳ן זיך איבערגעגעבן צום מחמדאניזם, דיינקענדיק: וואס קאָן מען שוין פארלירן? סיי ווי זיינען זיי ניט אין כלל־ישראל, אפשר איז מחמד אויך אַ נביא, אפשר וויל גאָט אליין איבערבייטן משה׳ן אויף מחמדן?

ווען דער רמב"ם האט דערזען די בהלה צווישן די אנוסים, וואס קאן פירן צו א טאָטאַלע פאַרניכטונג פון די אידישע קהילות אין נארד אפריקע, האָט ער דאס ניט געקאָנט מער פאַרטראָגן, זיין אידישע פילענדע הארץ האָט אין אים אזוי שטאַרק געווייטאָקט, אז ער האט באשטימט דאָס מען מוז רעטן די אידן פון אונטערגאַנג, און

מען מוז אויפֿווייזן זיי, אַז דער חסיד מיט זיינע דרשות האָט זיי אַראָפּגעפֿירט פֿון דרך־הישר, און האט דערפֿאַר אָנגעשריבן דעם „אגרת־השמד", וואס איז פֿונאנדערגעשיקט געווארן צו אלע קהילות אין פעס און ארום.

דער „אגרת־השמד" איז געוועזן די ערשטע פֿרוכט פֿון רמב"ם'ס פען וואָס איז דערשינען. און ווייל אין דעם בריף האבן זיך שוין אנטפּלעקט סימנים פֿון רמב"ם'ס לאָגישן דיינקן, פֿון זיינע טיפֿע פֿארשטענדניס און רייכער וויסן, וועלן מיר דא איבערגעבן אייניקע זאַצן פֿון זיין בריף.

„ישעיהו הנביא און אליהו התשבי זיינען באשטראָפֿט געווארן פֿארוואס זיי האָבן געזאָגט אויפֿן אידישן פֿאלק „עם טמא שפתים", היינט וואס פֿאר א שטראָף וועט אָט דער קנאי דער חסיד האָבן פֿאַר רופֿן די אידן רשעים און פושעים.

בני־ישראל אפילו ווען זיי זינדיקן ווערן זיי אלץ אנגערופֿן „בנים למקום", גאטס קינדער.

אין דער צייט פֿון סכנה מעג מען זיך פֿארמאסקירן, אזוי ווי די חכמים רבי מאיר און אליעזר בן הורקנוס האבן געטאָן.

דער שמד אין וועלכן מיר זיינען געצוואונגען, גייט ניט אריין אין סוג פֿון עבודה־זרה, זיי בעטן אונדז בלויז, מיר זאלן זאגן אז מיר גלויבן אין דעם וואס זיי גלויבן, זיי פֿארשטיין, אז אין הארצן טראכטן מיר אנדערש, מיר נאַרן אפ זייער קעניג, דעם כליף.

דער שמד פֿון מחמד איז ניט גלייך צו יענע שמדות, וואס זיינען פֿארגעקומען אין דער צייט פֿון אונדזערע חכמים. דאמאלט האט מען אונדז ניט געלאזט לערנען אונדזער תורה, פֿארבאטן מל זיין אונדזערע קינדער, און היינטיקן שמד פֿארפֿליכטעט מען אונדז ניט וואס צו טאָן, נאר זאגען מיטן מויל. א איד, אויב ער וויל, קאן ער מקיים זיין די תרי"ג מצות.

ווען אימיצער פֿרעגט אונדז: צי זאָל ער זיך לאזן דערהרגענען אדער מודה זיין, אז מחמד איז א נביא? וואלטן מיר אים אן עצה געגעבן, אז ער זאָל מודה זיין און ניט זיך מוסר־נפש זיין, נאר ער זאָל ניט בלייבן אין דער מדינה, און זוכן אַן אָרט וואו אפצוהיטן די אידישע אמונה.

און די עצה — זאָגט דער רמב"ם — גיב איך זיך און מיינע פֿריינט און יעדן וואָס פֿרעגט מיר אַ עצה.

ס'קאָן מעגלעך זיין, אז פֿון די לעצטע רמב"ם'ס ווערטער, האבן היסטאריקער געדרונגען, אז ער האָט געלעבט אין פעס אלס מחמדאַנער. אבער עס ווייזט אויך אויס, אז די אידישע קהילות אין אפֿריקע, נאָך דאס אָפּזאָגן, אז זיי גלויבן אין מחמד, האבן זיי געלעבט שטריינג אידיש, געלערנט, געדאווענט און מקיים געווען אלע מצוות פֿון דער תורה.

ביי דער געלעגנהייט וועלן מר בעטן אנטשולדיקונג פֿון אונדזערע לייענער און פֿאר זיי איבערגעבן, אין קורצן, דעם רמב"ם'ס פֿילאזאפֿישען דיינקן ווי ער ארגומענטירט אין זיין „אגרת־השמד", וועלכע פֿאָדערט זיך צו פֿארשטיין. דערנאָך וועלן מיר פֿארטזעצן זיין לעבענסגעשיכטע.

„וועגן מסירות־נפש פֿאַר אונדזער גלויבן האָבן אונדזערע חכמים באַשטימט דעם דין, אַז אויף די דריי זאַכן: „עבודה־זרה“, „גלוי־עריות“, און „שפיכות־דמים“ דאַרף אַ איד זיך מוסר־נפש זיין. אַזוי איז אויך דער דין פֿון אַנדערע מצוות, אויב מען הייסט אונדז עובר זיין מיט דער כוונה צו באַפֿרייען זיך פֿון אונדזער אמונה, מוז אַ איד זיך מוסר־נפש זיין.

יעדער איד איז אויך פֿאַרזאָגט אויף „קידוש השם“. אַזוי ווי „חילול־השם“ איז די גרעסטע זינד וואָס העלפֿט ניט קיין תשובה און וואָס אפילו יום־כפור ווערט ניט פֿאַרגעבן, אַזוי איז „קידוש־השם“ אַ גרויסע מצוה און ווערט באַצאָלט מיט אַ גוטן שכר.

יעדער איד איז מחויב אין „קידוש־השם“, אַזוי ווי די חכמים זאָגען אין ספֿרא: „איך בין דער גאָט וואָס האָט אייך אַרויסגענומען פֿון מצרים בתנאי איר זאָלט הייליקן מיין נאָמען אין דער עפֿענטלעכקייט.“

אויב אַ איד באַזיצט ניט גענוג קראַפֿט, בייצושטיין דעם נסיון פֿון די דריי דערמאָנטע זינד, צוליב ראַטעווען זיין לעבן, הייסט דאָס, אַז אַזאַ מענטש האָט ניט מקיים געווען די מצווה פֿון „קידוש־השם“, ער האָט ניט גוט געטאָן מיט דעם וואָס ער האָט געצוואונגענערהייט, פֿאַרשוועכט גאָט׳ס נאָמען, אָזעלכער איז ניט אין כלל פֿון די זיבן שטראָפֿן: סקילה, שריפֿה, הרג, חנק, מיתה בידי־שמים, כרת אָדער מלקות, ווייל מיר געפֿינען ניט אין דער גאַנצער תורה באַשטראָפֿט צו ווערן, ווען מען איז געצוואונגען, נאָר ווען מען באַגייט די עבירות ברצון, דאַן איז מען אונטער־וואַרפֿן די שטראָפֿן.

אונדזערע חכמים האָבן דעם כלל אַנגענומען: „אונס רחמנא פטריה“, דאָס הייסט, אַז ווען מען צווינגט אונדז עובר צו זיין אַן עבירה אויב ניט דער־הרג׳עט מען, איז דער מענטש פטור פֿון שטראָף אויב ער איז עובר.

געוויס איז אַ הויכע מדריגה ווען אַ מענטש איז זיך מוסר נפש ניט אַנצונעמען אַן אַנדער גלויבן. זיין שכר איז גרויס. ער האָט זיך מוסר־נפש געווען פֿאַר קידוש־השם, אָבער ווען מען פֿרעגט אונדז אַן עצה ווי צו טאָן: צו לאָזן זיך אויף מסירות־נפש, אָדער זאָגן מיטן מויל, ניט במעשה, אַז מען גלויבט אין מחמד, וואָלטן מיר אים געראָטן, אַז ער זאָל בעסער בלייבן לעבן, נאָר זוכן אַן אַנדער אָרט וואו צו קאָנען לעבן מיט דעם אידישן גלויבן.

אַזוי אויך באַדאַרף מען ניט דערווייטערן און פֿאַראַכטן די וואָס זיינען מחלל־שבת, נאָר מען באַדאַרף זיי מקרב זיין און מאַכן, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן ווי געהעריק אַנדערע מצוות. איבערהויפּט דאַרף מען זיך באַמיען צו אַנטלויפֿן פֿון אַזאַ מדינה, וואו מען צווינגט אונדז צום שמד, ווער עס קאָן אַרויס און גייט ניט, ווייל ער וואַרט אויף משיח׳ן איז אַ זינדיקער, וואָרום מיר האָבן ניט קיין באַשטימטע צייט, ווען משיח וועט קומען, און דער פֿליכט פֿון מצוות היינגט ניט אָפּ פֿון אים.

דעם בריף האָט דער רמב״ם געשריבן אין יאָר תתקכ״ד און האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די אידן, די אנוסים, און אַ סברה, ווי שוין דערמאַנט, זיינען אַלע אידן פֿון צפֿון אַפֿריקע, וואָס האָבן געלעבט אונטער די ממשלה פֿון גרויזאַמען

קעניג, עבדאל־מומין, געוועז געצוואונגעז מודה צו זיין, אז מחמד איז דער אמת׳ער נביא געשיקט פֿון הימעל.

## זיין ערשטע וויכטיקע ווערק.

ווען דער רמב״ם איז אלט געווארן 23 יאר, האט ער אנגעהויבן שרייבן זיין פירוש אויף משניות, אזוי ווי די אומגאנגס שפראך צווישן די אידן איז געווען אַראַביש, האָט ער דערפֿאַר זיין פירוש אויך געשריבן אין אַראַביש. צען יאָר האָט אים גענומען די גרויסע און וויכטיקע ארבעט, וואס ער האט אנגעהויבן זייענדיק אין דער פֿאַנאַטישער שפאניע און געענדיקט אין מצרים.

אן אויסערגעוויינלעכן רושם האָט דער ווערק געמאכט אין דער לומדים׳שע וועלט. די געלערנטע אין תלמוד און פוסקים פֿון רוים, האבן זיך באלד גענומען צו דער ארבעט פֿון איבערזעצן אַזאַ נוצלעכע ווערק אין העברעאיש. אַ ספּעציעלער שליח איז ארויסגעשיקט געווארן צו געפֿינען, אזעלכע געלערנטע וואָס באזיצן גוט די העברעאישע און אַראַבישע שפּראַך, כדי די איבערזעצונג זאל זיין בשלימות.

דער גרויסער גאון פֿון יענער צייט, דער רשב״א, האט געווידמעט פֿיל צייט, געשיקט בריף צו חכמים און עשירים, אז דעם רמב״ם׳ס „פירוש המשניות״ זאל איבערזעצט ווערן אויף לשון־קודש. דאס איז אים געלונגען און די ערשטע איבער־זעצונג איז געדרוקט געווארן אין נייפּעל אין יאר 1192.

דער הויפּט ציל פֿון דעם פירוש אויף דער משנה, זאגט דער רמב״ם אליין, איז אויסצומארקירן, אז יעדע הלכה, דין וואס ווערט געבראכט אין תלמוד און עס פֿאַרנעמט פֿיל פלאץ אויף פֿיל בלעטער, צו געבן די זעלבע הלכה אין עטלעכע שורות, כדי צו פֿארלייכטערן דאס לערנען און וויסן פֿון אונדזערע דינים.

דער רמב״ם האָט נאר געוואלט, אז די תורה און אירע דינים זאָל אויך דאָס ברייטע פֿאלק לערנען און וויסן, דערפֿאַר האָט ער עס געשריבן אין אַראַביש און אין קורצן ווי מעגלעך.

דער רמב״ם האָט געזען, דאָס אין זיין צייט ווערן אלץ ווייניקער די וואָס לערנען דעם תלמוד, צרות און גזירות אויף אידן באנייען זיך אָפּט, אידן פֿארשפּרייטן זיך אין אַלע גאָענטע און ווייטע לענדער, ס׳איז שוין ניטאָ די טויזנטער און צענדליקע טויזנטער, וואָס פֿלעגן קומען לערנען אין די ישיבות, עס זיינען געבליבן בלויז יחידים וואס זיינען זיך עוסק אין תורה, דערפֿאַר זאָגט דער רמב״ם אין זיין „מאמר תחית־המתים״, ווען ער וואָלט געקאָנט מאכן דעם גאנצן תלמוד אין איין פרק וואָלט ער עס ניט געמאַכט אין צוויי.

דאס איז געווען זיין ציל און אידעע פֿון „פירוש־המשניות״ און אויך פֿון זיין גרויס ווערק „יד־החזקה״ וועגן וועלכן עס וועט נאך אויסקומען צו ריידן.

אין וועלכע שטאָט פֿון מצרים זאָל זיך דער רמב״ם האבן באזעצט, ווען ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון ארץ־ישראל, איז קלאָר ניט באוויזן געווארן. איין קוועלע איז

פֿאַראַן, אַז אנקומענדיק פֿון ארץ־ישראל, האט ער זיך באזעצט אין אלכסנדריה, וואס איז אין יענער צייט געווען א מסחר־שטאָט, הגם דער רמב״ם האָט קיינע געשעפֿטן ניט געפֿירט, ווייל ער האָט זיין צייט געווידמעט פֿאר תורה און וויסן, האט אבער זיין ברודער ר׳ דוד געפֿירט דעם מסחר פֿון דימאנטן, און דאס איז געווען די פרנסה פֿון דער פֿאמיליע. עס פֿארשטייט זיך, אז קיין לאנגע צייט איז דער רמב״ם ניט געזעסן אין אלכסנדריה, נאָר אין פוסטאט, דאס איז די אלט־שטאָט פֿון קאירא. דאָרט זאָלן די צוויי ברידער משה און דוד האבן געעפֿענט א דימאנטן געשעפֿט. דער ברודער פֿלעגט אָפֿט ארויספֿאָרן אין די ווייטע לענדער, מיט וועלכע זיי האבן געהאט געשעפֿטלעכע פֿארבינדונגען, און משה פֿלעגט בלייבן זיצן על התורה ועבודה.

זיצנדיק שוין כמעט בשלוה אין מצרים, האָט דעם רמב״ם געטראָפֿן דאס וואָס עס האט געטראָפֿן יעקב אבינו, און אפֿשר נאך ערגער.

יעקב האָט זיך באזעצט אין כנען אין רו און פֿרידן, איז אים באפֿאַלן די צרה מיט יוסף׳ן און די ברידער. דער רמב״ם האָט זיך באזעצט אין מצרים, וואו דאָרט האָט ער שוין געקאנט רוען און לעבן אלס איד, האט אים געטראָפֿן דער אונגליק מיט זיין ברודער דוד.

דוד מאכנדיק א געשעפֿטלעכע נסיעה קיין אינדיע, מיטנעמענדיק א גרויסן קאַפּיטאַל מיט זיך איינצוקויפֿן די טייערע סחורה, האט זיך דער ים צוברויזט מיט שטורם און די כוואַליעס האָבן געזונקן די שיף מיט די פּאַסאַזשירן און דוד איז צום גרונט פֿאַרשלונגען געוואָרן.

דאָס האָט געהאט אויפֿן רמב״ם א שרעקלעכע ווירקונג. אויסער דעם גאנצן קאַפּיטאַל וואס די ברידער האבן פֿארמאגט איז פֿארלוירן געווארן, איז דער ברודער דוד געווען דעם רמב״ם׳ס איינציקער טרייסט און ברויטגעבער. ער האָט אים ליב געהאט ווי זיינעם אן איינאיינציק קינד. אגב איז דוד אויך געווען א תלמיד חכם און אַ וועלטלעכער געשעפֿטסמאן. דאס האט דעם רמב״ם צובראכן. ער האָט קיין טרייסט ניט געפֿונען פֿאר זיך. מיט זיין גאנצער נשמה איז ער געווען צוגעבונדן צו זיין ליבן איינציקן ברודער. ער האט דעם בראָך ניט געקאנט דערטראגן און ניט אויפֿגעהערט צו טרויערן אויף אים.

דער גרויסער אונגליק האָט מיטגעשלעפט א צווייטן אונגליק, וואס שיער האָט דעם רמב״ם געקאָנט אומברענגען פֿון דער וועלט. מען האָט אים געמסרט, פֿאר דער רעגירונג, אז ער איז קעגן זייער אמונה, און א סברה איז, אז דער פערזאָן וואָס האָט אים פֿארמסרט איז געווען דער זעלביקער פֿריינט אבו־אלערב אבן מיישא, וואָס האָט אים אין קארדאָווע, גערעטעט דאָס לעבן. נאָר די קנאה אויף וועלכע שלמה המלך האט געזאגט, „קשה כשאול קנאה״, אייפֿערזיכט איז אזוי שרעקלעך ווי די גרוב אָדער גיהנום, דאס איז געווען אויך מיט דעם אַראַבישן פֿריינט.

אבו־אלערב איז געקומען קיין מצרים און דערזען דעם כבוד פֿון רמב״ם אין די הויכע פֿענסטער און צווישן די געלערנטע, האָט דאס אים אזוי געקריינקט, אז ער האָט אויף אים דעם בלבול געמאכט. נאטירלעך האָט גאט געהאָלפֿן, אז דער רמב״ם זאָל בלייבן לעבן און די מסירה האָט זיך ניט איינגעגעבן. אבער פֿון די

גרויסע ליידן צוליב דעם ברודער'ס טויט צוזאמען מיט דער מסירה האבן דעם רמב"ם קראַנק געמאכט, און ער איז געלעגן אויפֿן קראנקן־בעט א גאנץ יאר ביז ער איז פֿאלקאָם געזונט געווארן.

אין איינעם פֿון זיינע בריף צום רב־הראשי פֿון עכו, ארץ־ישראל, רבי יפת מיט וועלכן דער רמב"ם האָט זיך באַפֿריינדעט, צו אים האָט ער געשריבן וועגן זיינע ליידן, אויסגיסענדיק זיין האַרץ פֿאר אים מיט די פֿאלגענדע ווערטער:

„דער גרעסטער פֿון אלע אומגליקן וואס מיר האט געטראָפֿן איז דער אומקום פֿון מיין ברודער דעם צדיק, וועלכער איז דערטרונקן געווארן מיט זיין גאנצן פֿארמעגן, און האט מיר איבערגעלאָזט מיט אן אלמנה און א קליין טאָכטערל, דאָס האָט מיר קראַנק געמאכט און אַ גאַנץ יאָר געלעגן אין בעט. איך קאן מיין ברודער ניט פֿאַרגעסן, איך קאָן זיך ניט טרייסטן און ניט געטרייסט ווערן. מיין ליבער ברודער דוד, וואס האט זיך אויף מיינע קניען אויסגעהאָדעוועט, ער איז געווען מיין ברודער, מיין תלמיד און מיין ברויט־געבער. אָך, ווי גרויס איז געווען מיין שמחה ווען איך פֿלעג אים דערזען. איצט האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון מיר מיין פֿרייד. ווען איך גיב א בליק אויף זיינע ספרים דערוועקט עס אין מיר מיין טרויער. ווען ניט די תורה, אין וועלכע איך געפֿין מיין גאנצן אמוזאנט, אויך די אנדערע חכמות פֿון וויסנשאפֿט וואָס מאכן מיר פֿארגעסן מיינע ליידן וואָלט איך אויסגעגאַנגען אין מיין פּיין".

נאר א לעבעדיקער מענטש, אפֿילו דער גרעסטער זשעני, מוז עסן, קליידן זיך, און בויטיקט זיך אין לעבענסמיטלן, דאס האט דעם רמב"ם געצוואונגען אנצוהויבן פּראַק־טיקירן אלס דאָקטאָר מעדיצין, און איז גיך בארימט געווארן אלס ספּעציאַליסט אין דעם געביט.

זיין נאמען אַלס דאָקטאָר, איז אזוי פּאָפּולער געווארן ווי זיין נאָמען אלס דיינקער און געלערנטער. רעגירונגס באַאַמטע האָבן זיך צו אים געווענדעט, ווען זיי האבן באַדאַרפֿט אַ דאָקטאָר, און פֿון טאָג צו טאָג האָט אים די הצלחה געגומען שיינען. ער האָט, אבער, צוליב זיינע מעדיצינישע ארבעט, ניט פֿאַרלאָזן דאס לערנען און פֿאָרשן אינם ים־התלמוד און זיינע מפרשים, און האָט אין מצרים געענדיקט זיין פּירוש אויף משנה. ער איז שוין דאמאלט געווען 33 יאר אלט.

מיט גרויס ליבשאפֿט האט ער געארבעט אויף דעם ווערק. זייענדיק א גוטער מאטעמאטיקער, אַסטראנאם, נאטור וויסנשאפֿט און אנאַטאמיע, איז ווען ער איז געקומען צו די חלקים פֿון דער משנה, וואס האנדלען מיט די טעמעס, האט ער זיך געפֿונען אין זיין וועלט, אין דערהיים, ווי מען זאגט. אין דעם האט ער אריינ־געטאָן פֿיל פֿארשונגען, און האָט אויפֿגעוויזן, אז די חכמים, וואס האבן מיט זייער תורה אויפֿגעהאלטן דעם טראדיציאָנעלן אידנטום, זיינען אויך געווען גרויסע וויסנ־שאַפֿטלער אין וועלטלעכע וויסענשאַפֿט. חכמה איז דער יסוד פֿון דער תורה.

אין דער הקדמה צו דער משנה גיט דער רמב"ם אן ערקלערונג דעם ענין פֿון נבואה. ניט די ניסים און ניט די מופֿתים באשטעטיקן דעם אמת פֿון דער נבואה, נאר די תורה אונדזערע, וואס איז געגעבן געוואָרן אויפֿן בארג סיני. דער נביא

קאָן ניט צוגעבן אדער מינערן פֿון דער תורה, אונדזערע נביאים זאגען אונדז נאָר אז מיר זאָלן אפהיטן די תורה, ניט מער און ניט ווייניקער. נאַטירלעך אין דער שפּראַך פֿון די נביאים, אין זייערע וויזיאָנען, דריקן זיי אויס וואונדערבארע געדאַנקען און ריינע חכמה, איבערנאַטירלעכע חכמה.

דער רמב״ם דערקלערט דערנאָך, דעם מהות פֿון קבלה און טראַדיציע, און קומט ענדלעך צום אויספֿיר, אז ניט אלץ וואס איז געזאגט געווארן אין דער משנה איז בקבלה איינער פֿון אנדערן ביז משה רבינו. אבער די דינים אין וועלכע עס זיינען ניטאָ קיין מחלוקת, נאר אלע חכמים שטימען איין, די זיינען בקבלה פֿון משה רבינו.

אין דעם מיינונג, נאַטירלעך, האָט ער א גרויסע צאל קעגנער, נאר דאס באַרירט ניט זיין כבוד און גדלות, וואס ווערט אים צוגעטיילט אפֿילו פֿון זיינע קעגנער.

זער גרויס געוויכט לייגט דער רמב״ם אויף דער מסכת „אבות״—דאס הייסט אויף „פרק״, וואס מיר זאגען זומער אלע שבת. אט אין די זעקס פרקים משניות אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק, דער ״מוסר־היהדות״, די זיטן און מאָראַל, די טיפֿע געדאַנקען האבן אים אינספּירירט. אין זיי האט ער פֿאר אונדז אנטפּלעקט א גרויסן טייל פֿון זיין טעאָלאָגישע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿילאָזאָפֿיע.

## אויסצוג פֿון רמב״ם'ס א דערקלערונג

זאָל אונדז דאָ דערלויבט ווערן צו ציטירן, אין קורצן אייניקע פֿון זיינע מיינונגען, אויף מאנכע ציטאטן פֿון די משניות, אין וועלכע ער דערמאנט אויך אריסטאטלס'ן צום גוטן, אבער ניט, אז ער האט דעם געדאנק גענומען פֿון אים.

אויף דעם מאמר פֿון יהושע בן פרחיה, וואס זאגט: „עשה לך רב וקנה לך חבר״, דאס הייסט ווערטערליך: „מאַך זיך א רבין און שאַף זיך איין א חבר״, זאגט דער רמב״ם אזוי: מאַך זיך אַ רבין, ווען אפֿילו ער איז ניט ראוי צו זיין דיין רבי, דאָס הייסט; ווען אפֿילו דו ביסט געלערנט אזוי ווי ער, דאך מאַך אים פֿאר דיין רבין, זאָלסט זיך פֿאַרשטעלן, אז ער איז דיין רבי וועט דיר געלינגען צו לערנען חכמה, ווייל עס איז ניט גלייך ווען איינער לערנט מיט זיך אליין ווי ווען ער לערנט מיט א צווייטן. געוויס איז גוט צו לערנען אליין, אבער וואס מען לערנט צוזאַמען מיט א צווייטן, געדיינקט זיך בעסער און ס'איז מער פֿארשטענדלעך. אפֿילו ווען ער איז ניט אזוי קלוג ווי דו און אפֿילו ווען ער איז עטוואס נאך ווייניקער געלערנט ווי דו, וועט דיר דאס ברייגגן נוצן.

„וקנה לך חבר״—דער אויסדרוק „וקנה״—קויפֿן. דער תנא זאגט ניט „עשה״, מיינט דאס אז א מענטש זאָל זיך איינשאפֿן א פֿריינט פֿאר זיך, אזעלכן וואס זאָל אים ברייגגן צו א תיקון, צו אַן אויסבעסערונג פֿון זיינע מעשים, א פֿריינט אזעלכן ווענמען מען זאל ליב האבן און זיין געליבט פֿון אים, א פֿריינט מיט וועמען מען זאל איינפֿאַרשטאַנען זיין אין מיינונגען און ביידנס כוונות זאָלן ציען צו איין ציל.

אין שייכות דערמיט ברייגגט דער רמב״ם אריסטאטלס דרייערליי מינים פֿון ליבהאבן און געליבט זיין. אין געליבט זיין איז נאר איין מין דאָ, אבער אין ליב האבן זיינען דריי מינים; ליבשאַפֿט אויס נוצלעכקייט, ליבשאַפֿט אויס רואיקייט און איבערליבשאַפֿט. די ערשטע איז ווי די ליבשאַפֿט פֿון צוויי שותפים, אדער ווי די

ליבשאַפֿט פֿון א קעניג צו זיין ארמיי. דער צווייטער מין ליב האבן איז רואיקייט. דער מין ליבע איז אויך פֿון צוויי סאָרטן: ליבע פֿון גענוס, ווי תאוה פֿון מאן צו א פֿרוי, און ליבע פֿון זיכערקייט, דאס מיינט צו האבן א פֿריינט פֿאר וועמען צו אנטדעקן אלע מיאוסע וועגן און ניט מורא האבן, אז דאס קאָן אים ברענגען שאדן, דאן איז דער מענטש רואיק און זיכער. נאָר די דריטע מדרגה, די אויבער־ליבע, מיינט, אזביידע האבן דיזעלבע באַגערן. די זעלבע צילן און דעם זעלבן ווילן צו העלפֿן איינער דעם צווייטן, און די גוטעס וואס קאָן טרעפֿן צו איינעם זאָל זיין פֿאר ביידן. ווי די ליבשאַפֿט פֿון א רבין צו זיין תלמיד, און דעם תלמיד׳ס ליבשאַפֿט צום רבין.

און דער רמב״ם מיינט, אז דאס איז די כוונה פֿון תנא וואס זאגט „וקנה לך חבר״ אַזאַ חבר באדארף מען זיך קויפֿן, מען דארף זיך משתדל זיין זיך איינצושאפֿן אַזאַ חבר, ווי א חפֿץ אין וועלכן מען נויטיקט זיך און מען קויפֿט עס.

מיר האָבן געבראַכט דעם אויסצוג פֿון רמב״ם מיט דער בלויזער כוונה צו ווייזן, אז אין מאָראַלע געזעלשאַפֿטלעכע אנגעלעגנהייטן, איז דער רמב״ם איינשטימיק מיט דעם גריכישן פֿילאָזאָף, אבער דער רמב״ם האט דאך די משנה געלערנט און פֿאַר־שטאנען פֿריער איידער ער האט געלערנט אריסטאטלס שריפֿטן. ביי אונדזער פֿאָלק איז, לײדער, מער אנעמבאר און שטארקער א מיינונג, ווען מען קאָן אויפֿווייזן, אז א גדול פֿון די אומות־העולם זאָגט אויך אזוי. דער רמב״ם האָט זיכער ניט געמיינט זיין כבוד דערמיט צו דערהויבן, נאָר די נוצן פֿאר זיין פֿאלק, וועמען ער האט אזוי שטאַרק ליב געהאַט און זיך באמיט איינצופֿלאַנצן די ריינע מידות, וואס אונדזערע חכמים האבן אויסגעדריקט אין פרקי־אבות, ברענגט ער אמאל, אז אריסטאטלס זאגט אויך אזוי.

מיר מוזן דערפֿאר ברענגען נאך איין אויסצוג פֿון רמב״ם׳ס א דערקלערונג, פֿון וועלכע איר וועט זען זיין קעגנערשאַפֿט צו אריסטאטעלס אין שייכות מיט טעאָלאָ־גישע דיינקונג, דערנאך וועלן מיר צוריק זיך קערן און ציען דעם פֿאָדעם פֿון דער רמב״ם מאָנאָגראַפֿיע.

אין דריטן פרק פֿון אבות זאָגט דער תנא רבי עקיבא: „הכל צפוי והרשות נתונה, ובטוב העולם נדון והכל לפי רוב המעשה״. אויף דעם מאמר פֿון רבי עקיבא, זאגט דער רמב״ם: „אז עס אנטהאלט זער הויכע געדאנקן, און אַזאַ מאמר קאָן מיט רעכט געזאָגט ווערן ביי רבי עקיבא. דער פשט פֿון דעם מאמר, אין קורצן, און מיט דער באדינגונג, אז איר זאָלט וויסן וואס עס איז געזאָגט געווארן אין די פֿריערדיקע פרקים (דאס מיינט ער אפֿשר זיין הקדמה צו די „שמונה פרקים״) רבי עקיבא מיינט צו זאָגן, לויט דעם רמב״ם׳ס פירוש, פֿאלגענדעס:

אלץ וואס איז אין דער וועלט איז פֿאר השם יתברך באוואוסט. דאס איז וואס מיינט „הכל צפוי״. זאלסט אבער ניט דיינקן, אז ווי באלד גאָט וויים אלץ וואס געשעט און וואָס עס וועט געשען, איז דאך דער מענטש געצוואונגען אזוי צו טאן ווי השם יתברך וויים, ער קאָן דאָך אנדערש נישט טאן. ניין, עס איז ניט אזוי, „והרשות נתונה״ די דערלויבניש ווי צו טאן איז געגעבן געווארן צום מענטשן, אזוי ווי מיר

האָבן דאס דערקלערט אין אַכטן פּרק: יעדער מענטש האט די בחירה און קאָן טאָן ווי ער וויל. „ובטוב העולם נדון" מיינט, דאס גאטס הנהגה מיטן מענטשן איז ניט לויטן דין, דאס הייסט: ניט לויטן שטריינגען געזעץ, מידת הדין, נאר מיט מידת הרחמים ווי גאט'ס אטריבוטן זיינען: „ארך אפים ורב חסד ואמת", זאגען אונדזערע חכמים „ארך אפים לצדיקים ולרשעים" און ווי דער נביא זאגט: „טוב ה' לכל", דאס איז וואָס רבי עקיבא זאגט „ובטוב העולם נדון".

און דער רמב"ם ענדיקט מיט אַן אריגינעלע דערקלערונג רבי עקיבא'ס ווערטער „והכל לפי רוב המעשה", די מעלה און שכר איז ניט לויט די גרויס פון טאָט נאר לויט די צאָל פון טאָט: למשל: ווען איינער גיט א נדבה טויזנט גולדן מיטאמאָל צו אימיצן, און מער גיט ער צו קיינעם ניט, איז זיין טאָט ניט אזוי חשוב ווי ווען איינער גיט טויזנט גולדן צו טויזנט מענטשן. דער וואָס האָט געגעבן די גרויסע נדבה און מער ניט, איז זיין גוטהארציקייט דערוועקט געווארן נאר איין מאל, אבער דער וואָס גיט די זעלבע סומע צו טויזנט מענטשן, איז טויזנט מאל אנטפלעקט געוואָרן זיין גוט הארציקייט. דאס איז שוין א העכערע מדריגה.

און דאס איז וואס דער תנא מיינט, זאגט דער רמב"ם, „הכל לפי רוב המעשה" לויט די צאָל פון גוטע מעשים ווערט דער מענטש באצאָלט אבער ניט לויט דער גרויס פון דער מעשה.

ווי געזאָגט, איז דער געדאַנק אַן אריגינעלער, אין דעם זינען פון פסיכאלאגישן בליק אין מענטשענ'ס נשמה. זיין איין מאָל גוט איז אויך אַ מדריגה, אבער אַ העכערע מדריגה איז צו זיין טויזנט מאל גוט. ס'טרעפט אמאָל, אז דער גוטער ווילן פון א מענטשן דערוועקט זיך ביי אים צוליב א געוויסע סיבה, ענטוועדער צוליב כבוד, אדער צוליב באריםמעריי און גיט אמאָל א גרויסע סומע און מער ניט. אבער ווען דעם מענטשענ'ס הארץ צעווארעמט זיך שטענדיק און גיט טויזנט מאל, אפילו וויניקער, איז דער טאָט פיל השובער און מער באלוינט.

דאס שטימט מיטן געדאַנקגאַנג און שיטה פון רמב"ם אין זיין ריזן ווערק „יד החזקה", צו וואס זאל אַ איד מוזן לערנען צען בלאט גמרא און וויסן איין דין, אז ער קאָן פאַר דער זעלבער צייט וויסן צען דינים אין איין בלאט, צוליב דעם זעלבן טעם איז, מעגלעך, געווען דער רמב"ם קעגן פלפול, ניט מחמת ער האט דאס ניט געהאלטן אלס תורה וללמוד אנו צריכים, נאר דערפאַר, ווייל פלפול איז אַ עסק פאַר יחידים און געוואלט האט ער, אז דאס גאנצע אידישע פאלק זאָל זיין לימודי ה' — „הכל לפי רוב המעשה" און ניט „לפי גודל המעשה".

די שיטה זיינע און סדר האט ער דורכגעפירט אין זיין קאלאסאלע ווערק „יד־החזקה" אדער „משנה תורה" ווי ער רופט עס. ער האָט דעם גאנצן ש"ס בבלי, ש"ס ירושלמי, ספרא, ספרי, תוספתא, תשובות הגאונים אייגעפאסט אין פיר חלקים, ער האָט געגומען די „תורה שבכתב" און די „תורה שבעל פה" און געשאפן א קאמ־פאקט ספר־החוקים פון אידנטום.

און געטאָן האָט ער דאס, ווייל די מקורות פון אלע געזעצן איז פאַר יחידי־סגולה, זיין וואונש איז געווען, אז די מערהייט, אויב ניט אלע, זאלן וויסן אונדזערע

דינים, אפילו אָן די מקורות, ווייל דאס באַדארף פאַרנעמען פיל צייט און ארבעט צו דערגרונטעווען זיך צו זיי. און טראָץ די „השגות" פון גאונים, וועגן וועלכע עס וועט נאָך אויסקומען צו ריידן, איז דער „יד החזקה" אנגענומען געוואָרן אלס פוסק אחרון, ניט בלויז אין אפריקע, נאָר אויך אין דער גאנצער וועלט.

אונפארשטענדלעך איז די קריטיק פון מאנכע מאדערנע היסטאריקער, פראָ־פעסאָר גרעץ איינגעשלאָסן, וועלכע זיינען אין דער מיינונג, אז דער רמב"ם האָט אַ טעות געמאכט מיט דעם, וואָס ער האָט געזוכט, און אפשר געפונען, א הארמאָניע צווישן די גריכישע פילאזאפיע און די אידישע תורה.

אין אמתן האָבן דאס דאך אויך געטאָן די אידישע פילאזאפן פאר דעם רמב"ם, און ביז היינטיקן טאָג טוען דאס פיל טעאָלאָגישע פאָרשער, ווען זיי קאנען אויפ־ווייזן געוויסע געדאנקן פון אלטע ניט אידישע דענקער, וואס הארמאָניזירן מיט מאַנכע געדאַנקן פון אונדזער תנ"ך, אדער מיט געוויסע אויפקלערונגען פון אונדזערע תנאים.

גאָר ניט לאַנג צוריק האט דאך צו דעם געשטרעבט משה מענדעלסאָנ׳ס שולע, די השכלה עפּאָכע און אינדיווידועלע פאָרשער. דער חילוק איז אבער, אז די מענ־דעלסאָנ׳ס פילאזאפיע און די השכלה באוועגונג, האָט דערפירט צו אפיקורסות, צום אוועקגאַנג פון דרך הישר, אין דער צייט וואס דעם רמב"ם׳ס הארמאָניע מיט אריס־טאטעלס פילאָזאָפיע, האָט פאַרשטאַרקט און פארשענערט די אידישע אמונה, אויף דעם זאָגן עדות די דרייצן פרינציפּן, די „אני מאמין׳ס" וואס דער רמב"ם האט אוועקגעשטעלט אלס יסוד פון ריינער יהדות.

דעם רמב"ם׳ס מיינונג איבער יהדות איז, אַז די אידישע אמונה איז א ריין־געלייטערטע פילאזאפיע, דער אידישער גאָט, וואס זיין ווילן איז נור גוטס צו טאָן און אויסבעסערן דעם מענטשן, האָט ער די פילאָזאָפישע וויסן, אנטפלעקט צו זיין באליבט פאָלק דורך נבואה און עטישע מאָראלישע לערנונג.

דער רמב"ם איז אזוי שטרייננג געווען אין דעם געביט פון ריינער יהדות, אז ער האָט געוואָגט צו זאגן, דאס אמתע אידישע אמונה איז צו האלטן זיך ביי די 13 פרינציפּן. דער וואס לייקענט אפילו בלויז אין איינעם פון זיי, איז אַן אפיקורוס און נעמט זיך ארויס פון כלל ישראל.

נאָך אַזאַ אָפענע דערקלערונג איז ווירקלעך א גרויסער וואונדער, פארוואס ער האָט געהאט פיל קעגנער מצד עקסטרעמע רבנים, פאַרוואָס עס איז געקומען דערצו אז מען האָט געברענט זיינע ווערק, נאָר וועגן דעם אין די ווייטערע קאפיטלעך.

## בהלה צווישן די אידן פון תימן.

ס׳איז אפשר געווען דעם רמב"ם׳ס מזל, וואס אין יאר 1171 איז דער פאַנאַטישער און שלעכטער כליף פון מצרים געשטאָרבן, אדער מען האט אים דערמארדעט, און די לאַגע אין לאַנד האט זיך צום גוטן געענדערט. אויפן קרוין־שטול פון מצרים איז אַרויף סאַלאַדין דער גרויסער. אַ פערזענלעכקייט מיט גרויס וויסן און פאַר־שטענדניס, מיט אַ פילענדע האַרץ און ליבשאפט צו יעדן וואס איז באשאפן אין מענטשלעכן געשטאלט.

סאלאדין איז געווען קעניג פֿון מצרים און הערשער אויף א גרויסן טייל פֿון ארץ ישראל און סיריע, איראק, מעסאפּאָטאמיע האבן זיך צוגעהערט צו יעדן ווארט און צו יעדע אידעע, סיי פּאָליטיש און סיי געזעלשאפֿטלעך, וואָס קעניג סאַלאַדין האָט געזאָגט. סאַלאַדין׳ס לענדער וועלכע ער האָט באהערשט זיינען געוואָרן שוץ־ערטער פֿאר די אידן, וועלכע זיינען געווען פֿאַרפֿאלגט און אונטערדריקט.

די היסטאָריקער פֿון זיין צייט דערציילן ווי ווייט זיין גוטסקייט און פֿארשטענד־ניס האָט דערגרייכט, דאס איין מאל פֿארבייגייענדיק האט ער געהערט ווי א איד זאָגט צו א צווייטן: דער קעניג סאַלאַדין האט ניט ריכטיק ארויסגעגעבן אַן אורטייל אין געריכט קעגן אים, קעגן דעם אידן. האט זיך דער קעניג אוועקגעשטעלט און אויסגעהערט די קלאגע פֿון אידן און ארויסגעגעבן זיין אורטייל צום גוטן.

ס׳איז דערפֿאר קיין וואונדער ניט וואס אונטער זיין הערשאפֿט האבן אידן גע־לעבט גליקלעך און צופֿרידן, רייך געווארן, פֿארנומען רעגירונגס אמטן און גענאָסן פֿון אלע פֿרייהייט אין לאַנד, נאר דער אידישער מזל איז שוין אזוי, ווען אידן האבן אלע פֿרייהייט אין איין לאַנד, ווערט פֿארשווערט די אידישע לאַגע אין אַן אַנדער לאַנד.

דאס האָט געטראפֿן, אין דער זעלבער צייט, צו די אידן פֿון תימן. דארט זיינען אויפֿגעשטאנען צוויי געמיינע רעליגיעזע פֿאַנאַטיקער פֿון מחמד, וואס האבן פֿאר־נומען די הויפט אַמטן פֿון דער הערשענדער מאַכט, און גענומען צווינגען די אידן, אז זיי זאָלן אנעמען מחמד׳ס אמונה.

די תימנער אידן, וועלכע זיינען ניט געשטאנען אויף א הויכער מדריגה אין תורה און חכמה, איז די גזירה פֿון שמד געווען א גרויס סכנה. זייער אונוויסנהייט אין שייכות צו אידישקייט האָט זיי געקאנט פֿירן צו גלייבן גלויביקע מחמדאנער און אין גאנצן אפגעריסן ווערן פֿון כלל ישראל.

גראד האָט זיך דארט געפֿונען איינער, וואס האט זיך געשמדט אין מחמדאנישן גלויבן, און גענומען פּראָפּאַגאנדירן, אז אלע אידן זאָלן זיך שמדן. מיט שמוץ און מיט ליגן האָט ער צונישט געמאכט אונדזער תורה און אונדזערע חכמים, און אויפֿגעוויזן, אז דער נביא מחמד, איז באצייכענט געוואָרן פֿון די נביאים, אז ער איז דער אמתר נביא.

פֿון איין עקסטרים צום צווייטן, איז אין דער זעלבער צייט אויפֿגעשטאַנען אַ האַלבער משוגענער, וואָס האט געזאגט, אז ער איז געשיקט געווארן פֿון אידישן גאָט, אַנצוזאָגן דעם פֿאָלק ישראל, אז משיח קומט, מען זאל זיך צוגרייטן. ס׳איז דערפֿאר אַ גרויסע מצוה צוצוטיילן גוטס און האב פֿאר די אָרימעלייט, און זיין גרייט מקבל־פּנים זיין משיחן וואס קומט.

דורך ביידע עקסטרימען האט זיך געשאַפֿן א שרעקלעכע בהלה צווישן די אידן פֿון תימן, אנדערע פֿרומע זיינען צוטומעלט געווארן, ניט וויסנדיק וועמען צו גלויבן, די וואס האבן ניט געגלויבט דעם משוגענעם אידן, האבן זיך געקערט צו דעם משומד, אנגענומען מחמד׳ס גלויבן און ארויס פֿון כלל ישראל. בלויז אַ קליינע צאָל זיינען געבליבן טריי צו דער אידישער אמונה, אבער די סכנה איז געווען נאנט,

אז דער גרעסטער טייל פֿון דער אידישער באַפֿעלקערונג קאָן ארויס פֿון כלל ישראל.

דאָס האָט דערזען דער אידישער גרויסער חכם פֿון תימן, רבי יעקב אלפאיומי און האָט זיך געווענדעט מיט אַ בריף צום רמב״ם, אז ער זאָל קומען צוהילף און ראַטעווען די אידן פֿון תימן.

דער רמב״ם האָט אים באלד געענטפֿערט מיט זיין בריף „אגרת־תימן״, אין וועלכן ער האט זיין גאנץ הארץ אויסגעגאסן פֿאר די אידן, זיי געטרייסט, זיי אויפֿגעוויזן אז דער אידישער גאָט האט זיי ניט פֿארלאזן, מיט אזוי פֿיל הארץ, געפֿיל און וויסנשאַפֿט איז דער בריף געווען, אז דאָס האָט געהאט דעם געוואונשטן איינדרוק אויף די תימנער אידן. צום סוף בעט דער רמב״ם דעם חכם ר׳ יעקב אלפאיומי, אז ער זאָל מאַכן קאָפּיעס פֿון בריף און פֿאַנאַדערשיקן צו אלע קהילות אויף וועלכע די גזירה פֿון שמד איז געלעגן. דערביי האט זיך דער רמב״ם באַמיט ביי די הערשער פֿון מצרים, אז זיי זאָלן ווירקן צו פֿארלייכטערן די לאגע פֿון די אידן אין תימן. זיין בקשה איז אנגענומען געווארן. די גזירות זיינען פֿארלייכטערט געווארן, און די אידן פֿון תימן האבן ניט פֿאַרגעסן, וואס דער רמב״ם האָט פֿאר זיי געטון. זיי זיינען געבליבן איבערגעבענע אידן, האלטענדיק זיך פֿעסט ביי תורת־משה און תלמוד. און האבן דעם נאָמען פֿון רמב״ם פֿארהייליקט און פֿאראייביקט אין „קדיש״. זיי האבן צוגעגעבן זיין נאמען און געזאגט: „בחייכון וביומיכון ובחיי דרבנא משה בן מיימון״. וואס האט זייערע אויגן באלויכטן אין דער תורה, און וואס ער האט זיי געהאלפֿן, אז מען זאל פֿון זיי אפשאפֿן די שווערע גזירות און די צינזן וואס זיי פֿלעגן באדאַרפֿן צאָלן צו די אַראַבישע הערשער.

אַזאַ כבוד ווי זיי האבן צוגעטיילט צום רמב״ם איז ניט צוגעטיילט געווארן, צו קיין אנדער גדול אויסער צו דעם נשיא פֿון בבל, ווען מען האט אים אויפֿגענומען.

## די פאלשע נביאים

איידער מיר גייען וויטער מיטן רמב״ם׳ס לעבן און שאפֿן, ווילן מיר דאַ פֿארצייכנען א פונקט פֿון זיין „אגרת־תימן״ אין וועלכער ער דריקט אויס זיין קעגנערשאַפֿט צו די יעניקע וואס זאגן נביאות אויף דער צייט פֿון משיח׳ס קומען. דאס וואס מיר רופֿן: זיי זאָגען פֿאראויס דעם „קץ״.

צו זאגן פֿריער די צייט פֿון דער גאולה—זאגט דער רמב״ם, איז ניט פאסענד און ניט ריכטיק פֿאר די גרויסע גלויביקע אין אונדזער אמונה. ווארום דאס איז אן ענין וואס עס איז פֿון אונדז פֿארהוילן, קיינער קאן ניט וויסן דעם „קץ״. מיר באדארפֿן ניט אורטיילן דעם גרויסן גאון רב סעדיה, פֿארוואס ער האט פֿאַראויס גערעכענט דעם „קץ״. ער האט דאס געטאן מיט א גוטער כוונה. די אידן פֿון זיין דור זיינען געווען ניט גענוג גאט־גלויביק. זיי האבן געצווייפֿעלט צו עס וועט ווען קומען א צייט פֿון ביאת־המשיח. דערפֿאר איז ער, סעדיה גאון, ארויס מיט א באשטימטער צייט און אויסגערעכענט דעם יאר ווען משיח וועט קומען. אבער מען טאר ניט אויסרעכענען

און פאראויסזאגען די צייט ווען משיח וועט קומען, ווייל מיר וויסן דאס ניט.

די סיבה וואס עס האט געבראכט דעם רמב״ם אויסצודריקן זיין קעגנערשאפט צו די גביאות־זאָגער אויף דער צייט פון די גאולה, איז ווייל אין זיין צייט זיינען דערשינען אזעלכע, ווי ער רופט זיי, משוגעים וואס פלעגן זיך איינריידן, אז זיי זיינען משיחים געשיקט פון גאָט אויסצולייזן די אידן פון גלות.

אזוי למשל דער פאלשער משיח, וואס איז דערשינען אין פערסיען, אנפאנגס די הערשאפט פון די כליפים, זיין נאמען איז געווען; אבו עיסי, און ער האט דאדורך פיל צרות און יסורים פארשאפט די אידן אין פערסיען.

אזוי אויך זיינען דערשינען פאלשע משיחים אין פעס און אין קארדאווא, אויך אין פראנקרייך האָט זיך געפונען איינער וואס האט געזאגט, אז ער איז משיח געשיקט פון גאָט.

איינער פון די משיחים, וואס האָט פארשאפט גרויסע צרות, און א יאר צייט איז אים געלונגען אנצוציין מיט זיין משוגעת, אז ער איז משיח און צוטומעלט פיל אידישע קהילות. ווייל, ווי שוין געזאגט, זיינען די אידישע מאסן יענער צייט, ניט געשטאַנען אויף א הויכער מדריגה פון לערנען, וויסן און פארשטיין. אויך די צרות און גזירות האבן זיי געמאכט, צו גלויבן, אז עס איז משיח צייט.

אָט דער פאלשער משיח איז ענדלעך געכאפט און אַרעסטירט געווארן פון איינעם פון די אַראַבישע הערשער, פאר וועלכן ער האט מיט דרייסטקייט געזאגט, אז גאָט האָט אים געשיקט און דאָס וואָס ער פריידיקט איז עס דירעקט פון גאָט, וואס ער גיט אים אריין אין מויל.

דער הערשער האט אים געבעטן אז ער זאָל אים וויזן א צייכן, דאס גאָט האט אים געשיקט און דאס וואס ער זאגט איז אמת.

דער משוגענער וואס האט זיך איינגערעדט, אז ער איז משיח, האט אין אמתן געגלויבט אין דעם, און געענטפערט דעם הערשער, אז דער סימן וועט ער אים וויזן דערמיט: זאל מען אים אפשניידן דעם קאפ און ער וועט צוריק לעבעדיק ווערן.

דער הערשער האט דערצו באלד מסכים געווען. וואס קאן זיין פאר א בעסערן סימן ווי דער וואס דער משוגענער משיח האָט פארגעשלאגן?

האט דער אַראַבישער מושל באלד באפעלן זיינע משרתים, און מען האט דעם משיח אפגעשניטן דעם קאפ. עס פארשטייט זיך, אז ער איז שוין לעבעדיק ניט געווארן.

פון דעם אינצידענט, וואס היסטאריקער ברייננען און עס איז ווירקלעך געשען, קאן מען זיך שוין משער זיין אויף וואס פאר אַ נידעריקע מדריגה עס זיינען גע־שטאנען די מאַסן אין בילדונג און וויסן. סיי דער אידישער און סיי דער אַראַבישער המון זיינען געווען אָבערגלויבער, פאַנאַטיש ווילד און עס איז זיי ניט שווער געווען איינצורײדן „אויפן הימל א יריד״.

דערפאר האָט דער רמב״ם געפונען פאר נויטיק ארויסצוזאגען זיין מיינונג קעגן די „מגידי־קיצין״ וואס רעכנענען אויס דעם יאר ווען משיח וועט קומען. און מיטן רמב״ם׳ס א ווארט האט מען זיך גוט גערעכנעט. ווייל זיין נאָמען האט שוין גענומען

לויכטן ניט בלויז צווישן די אידן פֿון מזרח און מערב, נאר אויך צווישן די אַראַבישע הערשער און זייערע חכמים.

דער רמב״ם, זייענדיק אין מצרים, האט ער חתונה געהאט, צום צווייטן מאל, מיט אַ טאכטער פֿון איינעם פֿון די אנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן אין מצרים. זיין צווייטע פֿרוי איז געווען א שוועסטער פֿון אבו אלמעאלי, דער סעקרעטאר פֿון דער מלוכה. און אבו אלמעאַלי האט חתונה געהאט מיטן רמב״ם׳ס שוועסטער.

דעם רמב״ם׳ס צווייטע פֿרוי האָט אים געבוירן זיין איין־איינציקן זון, אברהם, וועלכער איז אויך ארויסגעוואקסן א גדול, און איז אָפּטמאל ארויסגעטראָטן אַלס דער מליץ פֿון זיין פֿאָטער קעגן די וואס האבן אים קריטיקירט.

ווען אברהם איז געבוירן געווארן, איז דער רמב״ם געווען פֿופֿציק יאָר אלט. און לויט ווי עס לאָזט זיך פֿארשטיין, זאל ער האבן שוין געענדיקט זיין גרויסע ריזן ווערק דעם „יד החזקה״, אדער געהאלטן ביים ענדיקן.

ס׳איז פֿאראן אבער א דעה פֿון היסטאריקער, אז ווען אברהם איז געבוירן געווארן, זאָל דער רמב״ם האבן פֿארענדיקט זיין פֿילאזאפֿיש ווערק „מורה נבוכים״, וועלכן ער האט ספּעציעל מחבר געווען פֿאר זיין בעסטן תלמיד, רבי יוסף אבן עקנין. לויט דעם רעכענונג קומט אויס, אז ביידע ווערק, דעם „יד החזקה״ און „מורה נבוכים״ האט ער פֿארענדיקט אין איין צייט. דאס הייסט: אז אין 17 יאר צייט האָט ער געשאַפֿן די צוויי גרויסע ווערק, ווייל ווען ער איז אלט געווען 33 יאר האָט ער פֿארענדיקט זיין „פירוש המשניות״ און האָט ווארשיינלעך באלד אנגעהויבן ארבעטן אויף די צוויי ווערק.

## ענגלישער קעניג׳ס איינלאַדונג צום רמב״ם

נאָר לאמיר איבערלאזן די ריכטיקע דאטומס פֿון זיין שאפֿן צו די רמב״ם פֿארשער, וועלכע ווילן גענוי אויפֿווייזן די צייט און יאר פֿון זיין לעבן און שאפֿן. פֿאר אונדז געוויינלעכע מענטשן איז איבערהויפּט אינטערעסאנט דער אינהאלט פֿון זיין לעבן און שאפֿן און ניט די פּינקטלעכע צייט פֿון זיין שאפֿן.

דאס איז קלאר, הגם מען ווייס ניט פּינקטלעך די יאָרן ווען זיין נאמען איז גרויס געוואָרן אלס דאָקטאָר, אבער מען ווייס גענוי, אז די גרעסטע מיניסטאָרן און קעניגלעכע באַאַמטע פֿון מצרים און ארומיקע לענדער פֿלעגן קומען אדער אים איינלאדן, אז ער זאל זיי היילן פֿון זייערע קראנקהייטן.

ס׳איז גענוג דער פֿאקט, דאס דער זער ווייט בארימטער דאקטאָר עבד־אלטיף, וועמען דער קעניג סאלאַדין האָט רעספּעקטירט און ליב געהאט, אט דער אראבישער דאָקטאָר איז פֿון בגדד ספּעציעל געפֿאָרן קיין קאירא צו זען זיך פּערזענלעך מיטן רמב״ם און ניט נאר ער אליין, נאר אויך אנדערע הויכע רעגירונגס לייט און פֿילאזאפֿן פֿלעגן באזוכן דעם רמב״ם און זיך קוויקן מיט זיינע מעדיצינישע מיטלן און מיט זיינע פֿילאָזאָפֿישע אויפֿקלערונגען.

ס׳איז העכסט אינטערעסאנט דאס דער ענגלישער קעניג ריטשארד די לייאָן הארט, זייענדיק דאמאלס אין אשקלון און הערענדיק די באַרימטהייט פֿון רמב״ם, האָט אים איינגעלאדן אַלס זיין דאָקטאָר וואס זאָל אים באגלייטן, נאָר דער רמב״ם האָט דעם הויכן אַמט ניט אָנגענומען. ער האָט בעסער געוואלט בלייבן אויף זיין

פלאַץ, וואו זיין נאָמען איז שוין ווייט באַרימט געווען און וואו עס איז אים צוגע־טיילט געוואָרן דער כבוד פֿון ניט בלויז דעם קעניג סאַלאַדין, נאָר אויך פֿון אַנדערע הערשער.

ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואס נאָך אַזאַ כבוד און גדולה וואס דער רמב״ם האָט געהאַט ביי די גויים, זאָל ער ווערן דער גדול־הדור ביי די אידן.

ער איז געוואָרן דער קאָפּ פֿון די קהילות אין מצרים. יעדער רב אָדער דיין האָט זיך געווענדעט צו אים מיט שאלות. עס איז אין פּלאַץ דאָ צו ברענגען, דאָס ווען די רבנים האָבן זיך געווענדעט צו אים מיט דער שאלה: ווי זאָלן זיי זיך נוהג זיין מיט די קאַראַאימער, די סעקטע פֿון ענן, וואָס האָבן געגלויבט און זיך געפֿירט בוטשטעב־לעך לויט דעם געשריבענעם וואָרט פֿון דער תורה און געלייקענט אין דער אינטער־פּרעטאַציע פֿון תלמוד. האָט דער רמב״ם זיי געענטפֿערט: דאָס די קאַראַאימער וואָס געפֿינען זיך אין קאַירע, אין אַלכּסנדריה, אין דמשק און אין ערטער, וואָס ווערן באַהערשט פֿון די אַראַבער, זאָל מען זיך פֿירן מיט זיי מיט רעספּעקט, אַזוי לאַנג ווי זיי, די קאַראַאימער פֿירן זיך מיט אונדז אַנשטענדיק. באַגריסן זיי, מל זיין זייערע קינדער אַפֿילו אום שבת, מקבר זיין זייערע טויטע און אַפֿילו גיין מנחם אבל זיין. אויך זייערע ווײַן איז ניט קיין יין־נסך, נאָר מען טאָר זיי ניט באַזוכן אין די טעג פֿון זייערע ימים־טובים, וועלכע זיי האָבן זיך געשאַפֿן אַנשטאַט אונדזערע ימים טובים, אויך איז מען זיי ניט מצרף צו אַ מנין, ווייל לויט אונדזער תורה איז אַ מנין פֿון צען אַן „עדה״ און זיי זיינען ניט מודה אין דעם.

נאָך אַ וויכטיקע תקנה האָט דער רמב״ם איינגעפֿירט אין די קהילות, אַ תקנה וועלכע איז בעצם אין קעגנזאַץ צום דין, דאָך האָט ער געפֿונען, אַז צוליב דעם כבוד פֿון אידן, מעג מען אַפּנויגן פֿון דין וואָס אונדזערע חכמים האָבן געמאַכט.

די תקנה זיינע איז אין שייכות מיט דער הויכער „שמונה עשרה״. אין די שולן האָט מען זיך אויפֿגעפֿירט, אַז ווען דער חזן פֿלעגט זאָגן די הויכע „שמונה־עשרה״ האָט זיך דער עולם ניט צוגעהערט. מען פֿלעגט אַרומגיין היך־הער אין שול, מען פֿלעגט ריידן איינער מיטן אַנדערן. די מוסלמאַנער פֿלעגן פֿון אונדז לאַכן, ווייל זיי, ווען זיי זיינען אין תפילה, איז רואיק, יעדערער איז טיף פֿאַרזונקען אין די תפילות, און דאָ ביי די אידן איז אַזוי וואַכעדיק, דער חזן זאָגט און זיי לויפֿן און שמועסן און שמייען צווישן זיך.

האָט דער רמב״ם אָפּגעשאַפֿט אין גאַנצן די שטילע „שמונה־עשרה״ און מתקן געווען, אַז יעדערער זאָל שטילערהייט נאָכזאָגן דעם חזן, ווען ער זאָגט די שמונה־עשרה. דער מנהג איז איינגעפֿירט געוואָרן ניט בלויז אין מצרים, נאָר אויך אין אַנדערע קהילות פֿון ארץ ישראל, דמשק, אַלעפּאַ און אַנדערשוואו. דער מנהג איז געווען אין קראַפֿט העכער דריי הונדערט יאָר.

פֿאַרשטייען די גאונות פֿון רמב״ם קאָן נאָר אַן ענלעכער גאון ווי ער. מיט רעכט האָט ער, אין זיין בריף, צו די חכמים פֿון לוניל געשריבן: נאָר אַזעלכע גרויסע גאונים ווי איר וועלן וויסן וואָס איך האָב אויפֿגעטאָן״.

ס׳איז אָבער ניט אָפּגעפֿרעגט, אַז אויך קלענערע לומדים, און אַפֿילו געוויינ־

לעבּע מענטשן מיט שכל הישר, זאָלן אויך פֿארשטיין די גדלות פֿון אָט דעם „חד בדרא", מען דארף נאר וויסן זיין לעבן און שאפֿן. זייענדיק אין קאירא דער ראש פֿון דער אידישער קהילה, וועלכע ער האט מייסטערהאפֿט פֿארוואלטעט, הן אויפֿן רעליגיעזן געביט און הן אויפֿן געזעלשאפֿטלעכן און פאליטישן געביט. זייענדיק אין דער זעלבער צייט פֿארנומען אלס בארימטער דאָקטאָר, צו וועמען עס האבן זיך געווענדעט זער פֿיל קראנקע, רייכע און ארימע, אידישע און ניט-אידישע, פרינצן און קעניגלעכע באַאַמטע. דערצו האט ער אויך באַדאַרפֿט ענטפֿערן אויף שאלות, וואס רבנים און געלערנטע האָבן אים געפֿרעגט פֿון אלע טיילן פֿון דער וועלט, וואו אידן האבן זיך געפֿונען, און אין דער זעלבער צייט שאפֿן אזעלכע ריזן ווערק ווי דער „יד-החזקה", דעם „מורה נבוכים" און פֿיל אנדערע ספרים, וועלכע מיר וועלן נאך אויסרעכענען, דאס קאן נאר באווייזן צו טאן אן אויסערגעוויינלעכער מות, מיט אויסערגעוויינלעכע אידישע און אלגעמיינע וויסנשאפֿט.

## פֿארשפּרייטונג פֿון יד-החזקה

מיר וועלן נאך שפעטער קומען צו די גרויסע צאָל ספרים וואס ער האט פֿאר דער צייט פֿון 70 יאר פֿון זיין לעבן געשאפֿן. לאמיך זיך דערוויילי אפשטעלן אויף דער קאלאסאַלער ווערק „משנה-תורה" אדער ווי ער האט דאס א צווייטן נאמען געגעבן „יד-החזקה".

דער לייענער באדארף דאָ פֿארשטיין, אז מיר מיינען דא ניט צו באהאנדלן דעם אינהאלט פֿון דער גרויסער ווערק. דאָס זיינען מיר ניט בכוח און דאָס האבן שוין געטאָן פֿיל גאונים, ווער קריטיש און ווער מיטן גרעסטן יראת-הכבוד. עס וועט נאך אויסקומען צו ריידן וועגן דעם, וואס מיר ווילן דא דערציילן איז ווי אַזוי דאָס ווערק האָט זיך פֿארשפרייט און מיט וואס פֿאר א גדולה און ליבשאפֿט זי איז אנגענומען געוואָרן.

וועגן פאדואַר אויסגאבע פֿון רמב"ם'ס „משנה תורה" דערציילט דער רמ"א הקדוש אין זיינע „שאלות תשובות" פֿאלגענדע אונאנגענעמע געשעעניש:— דער גאון רבי מאיר פֿון פאדואַ איז געווען דער ערשטער וואָס האָט פֿארטראכט, אז מען מוז אַזאַ ווערק פֿון אַזאַ גאון ווי דעם רמב"ם פֿארעפֿענטלעכן אין דרוק. צו אים איז צוגעשטאנען א גרויסער גביר און אייגנטימער פֿון א דרוק, און ביידע אין שותפֿות האָבן די ארבעט פֿון דרוק פֿארענדיקט. גראד האט זיך געפֿונען א קריסט-לעכער דרוקער, וועמען עס האָט פֿארדראָסן פֿארוואָס מען האט אים ניט ארייגגע-נומען אין שותפֿות, און האָט אויך אפגעדרוקט דעם זעלבן ווערק פֿון רמב"ם, האָט זיך אָנגעהויבן א מחלוקה. נאָר אזוי ווי לויטן מדינה-געזעץ האט מען דאך ניט געטאָרט אנאָנסירן, אז מען זאָל ניט קויפֿן דעם ספר משנה תורה פֿון קריסט, וואס ער האָט אפגעדרוקט. איז געבליבן, אז פֿריער זאל מען פֿארקויפֿן די אפגעדרוקטע ספרים פֿון דעם גאון רבי מאיר מיט זיין שותף, און דערנאך וועט מען קאנען קויפֿן די אפגעדרוקטע קאפיעס פֿון דעם קריסטלעכען דרוקער. דער רמ"א האט געמאכט א „חרם" אויף יעדן אידן, וואס וועט קויפֿן פֿון גוי איידער עס וועלן זיך פֿארקויפֿן די קאפיעס פֿון די צוויי אידישע שותפים.

דער נוסח פֿון חרם איז געווען אזוי: היות ווי דער גאון רבי מאיר האט מסכים

געוואָרן צו פֿאַרקויפֿן פֿריער זיינע אפּגעדרוקטע קאָפּיעס פֿון „משנה־תורה“, זיינען מיר אויך מסכים און מיר לייגן אריין אין „חרם“ יעדן תּלמיד, גרויס אָדער קליין, אַז ער טאָר ניט קויפֿן פֿון די נייע אויסגאַבע (דאָס הייסט פֿון קריסט) נאָר ער מוז קויפֿן פֿון די וואָס דער גאון רבי מאיר מיט זיין שותּף האָבן ארויסגעגעבן, אָדער פֿון זייערע פֿאַרטרעטער, און ווער עס וועט עובר זיין אויפֿן חרם, וועט דאָס אים ניט פֿאַרגעבן ווערן ביזן טויט, און וועט קומען צו קבורה פֿון קבר־חמור. דער חרם איז געמאַכט געוואָרן פֿיר טעג אין חודש אלול אין יאָר ש״י א.א.וו. אונטערגעשריבן: משה דער זון פֿון ישראל שליט, וואָס רופֿט זיך משה איסרל׳׳ש פֿון קראָקאָ (רמ״א).

עס איז ניט נויטיק צו זיין אַ גרויסער און געניטער סוחר צו פֿאַרשטיין, אַז די ערשטע אויסגאַבע פֿון רמב״ם׳ס „יד־החזקה“, וואָס איז דערשינען אָן שום פּירושים, איז גלייך צוכאַפּט געוואָרן. דער „חרם“ אויף דער אויסגאַבע פֿון קריסט־לעכן דרוקער, איז במילא בטל געוואָרן. אַזוי האָט זיך פֿאַרשפּרייט די גרויסע, אָדער ווי אַנדערע היסטאָריקער זאָגן: די גרעסטע ווערק זינט דער תּלמוד, איבער דער גאַנצער אידישער וועלט. ס׳איז אויך אַ סברה, אַז ניט קיין אידישע געלערנטע, האָבן אויך זיך איינגעשאַפֿן דעם ווערק.

אינטערעסאַנט איז, וואָס די אידישע געמיינדעס אין פּראָווינציע, דאָס הייסט אין דרום פֿראַנקרייך, וועלכע האָבן דאַמאַלסט געלעבט רואיק, און געהאַט גרויס תּענוג פֿון די פֿרייהייט און גלייכהייט אין לאַנד, איז ווי דעם רמב״ם׳ס ווערק איז דאָרט דערגרייכט געוואָרן, האָבן זיך אַלע חכמים און געלערנטע, מיט גרויס ליבשאַפֿט און מיט אויסערגעוויינלעכע פֿאַרערונג באַצויגן צום רמב״ם.

די פֿראַנצויזישע אידישע חכמים, וואָס האָבן גע׳שם׳ט אין דער אידישער וועלט מיט זייער תּורה און חכמה, האָבן דאָך ניט געקאָנט געפֿינען דעם וועג פֿון האַרמאָניע צווישן תּורה און פֿילאָזאָפֿיע, ביז זיי האָט דערגרייכט דעם רמב״ם׳ס ספרים. אין אָט די ספרים האָבן זיי געפֿונען דעם שליסל צו דער פֿאַרשונג פֿון תּורה און חקירה. אין רמב״ם׳ס ספרים האָבן זיי דערזען די אמתע קלאָרע פֿאַרשטענדניס, דעם שכל־הישר פֿון זיינע דערקלערונגען. זיי האָבן אים געפֿונען אַלס דער רבי פֿון אידישן פֿאָלק, אַלס נייער ליכטיקער שטערן אינם הימעל פֿון אידישקייט, וואָס קאָן נאָר אויפֿשיינען איין מאָל אין טויזנט יאָר. היסטאָריקער זאָגן, אַז פֿיל פֿון די דאַמאָלס־דיקע חכמים האָבן געדיינקט, דאָס זינט רבינא און רב אשי, די בויער פֿון תּלמוד בבלי, איז נאָך ניט געוועזן אַזעלכער ווי רבי משה מיימון.

עס פֿאַרשטייט זיך אויך, אַז עס האָבן זיך געפֿונען אַ הייפֿל, וואָס צוליב קנאה אָדער צוליב עקסטרימער פֿאַנאַטיזם, ניט פֿאַרשטייענדיק גענוי דעם רמב״ם׳ס אידעען און אויפֿטו, זיינען, פֿאַר אַ לאַנגער צייט, געוועזן זיינע שאַרפֿסטע קעגנער, נאָר וועגן דעם שפּעטער.

לאָמיר ענדיקן דעם קאַפּיטל מיט די עטלעכע שורות דיכטונג, וואָס דער גרעסטער אידישער פּאָעט אין רמב״ם׳ס צייט אלחריזי האָט געזונגען וועגן אים:—

מאתך, השר, תהלתנו — וממך כל גדולתנו
גבהו דרכיך ועמקו — ויתרון פעלך על פעולתינו

מלאך אלהים אתה ונבראת — ואם אתה כתבניתנו
בגללך אמר אלהים — „נעשה אדם בצלמנו״.

פֿאַר די לייענער, וועלכע עס איז פֿרעמד די דיכטונג פֿון אונדזערע מיטלאַלטער פּאָעטן, וועל איך דאָס איבערזעצן אין מאַמע־לשון. עס פֿאַרשטייט זיך אַז אין אָריגינאַל איז עס פֿיל שענער און טיפֿער.

„פֿון דיר, אָ, האַר איז אונדזער באַרימטקייט
פֿון דיר איז אונדזער גרויסקייט.
טיף זיינען דיינע וועגן און הויך,
דיינע אויפֿטואונגען וויכטיקער ווי אונדזערע אויך.

פֿאַר אַ מלאך באַשאַפֿן האָט דיר גאָט,
נאָר אויב דו אונדזער געשטאַלט האָט,
איז צוליב דיר האָט גאָט געזאָגט דאַרום,
„לאָמיר מאַכן אַ מענטשן אין אונדזער פֿאָרם״.

## דער ראב״ד'ס קריטיק

ס'איז אַ באַטירלעכע דערשיינונג און אַ שמערצלעכע, דאָס ווען אַ חכם ווערט אויסערגעוויינלעך באַרימט אין דער וועלט, מוזן זיך געפֿינען חכמים, וואָס קאָנען ניט באַהערשן די מידה פֿון קנאה, און נעמען זוכן פֿעלערן אין דעם באַרימטן גדול.

דאָס זעלביקע האָט געטראָפֿן מיט דעם גדול־הדור, דעם רמב״ם, ווען זיין נאָמען האָט באַלויכטן די גאַנצע אידישע און ניט אידישע וועלט אין זיין צייט, און זיין ווערק „משנה תורה״ אדער ווי ער רופֿט עס אויך „יד־החזקה״ מיט זיין „מורה נבוכים״ האָבן אויפֿגעשטורמט די לומדים און די פֿאָרשער פֿון דער אידישער וועלט, האָט זיך געפֿונען אַ גאון, אויך גרויס אין לומדות, פֿיל עלטער ווי דער רמב״ם, וואָס זיין נאָמען איז באַקאַנט אַלס דער ראב״ד. (ר' אברהם דוד פֿון פּיסקיירא אין דרום פֿראַנקרייך) וועלכער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפֿע קריטיק אויפֿן „יד־החזקה״.

דער היסטאָריקער דר. גרעץ זאָגט, אַז דער ראב״ד האָט געהאַט אַזאַ נאַטור, דאָס ווען אימיצער איז ניט געווען איינשטימיק מיט זיינע מיינונגען, איז ער קעגן אים אַרויסגעטראַטן מיט די שאַרפֿסטע ווערטער. אַזוי ווי מען האָט דאָס אויך געקאָנט זען אין דעם תלמודישן וויכוח, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעם גאון פֿון זיין דור און אין זעלבן לאַנד, רבי זרחיה הלוי, דער „בעל המאור״. אויך אין די אַרגומענטן מיט אים פֿלעגט דער ראב״ד אַרויסטרעטן מיט היץ און מיט זייער שאַרפֿע ווערטער.

ס'קאָן מעגלעך זיין, אַז ער איז בכלל געווען אַן אויפֿגערעגטער מענטש, און צו דער עלטער ווערט מען מער אונטאָלעראַנט. ער האָט זיך טאַקע אויסגעדריקט אויפֿן

רמב״ם: „ער איז דאָך נאָך אַ יונגערמאַן און מיר זיינען עלטער״, דאָך איז שווער מסכים צו זיין צו דר. גרעץ, אז דעם ראב״ד׳ס שאַרפֿער אַרויסטריט איז געווען צוליב קנאה.

דער ראב״ד איז דאָך גערעכט געווען אין שייכות דערמיט, וואס דער רמב״ם האָט ניט אנגעוויזן די מקורות פֿון וואנעט ער האט גענומען דעם אדער יענעם דין, וואו עס געפֿינט זיך די אדער יענע הלכה. א סברה איז דאָך פֿאַראַן, אַז דער רמב״ם האט שטאַרק באדויערט דעם פֿעלער.

אין אמתן איז ניט זעלטן דער פֿעלער ביי די גרויסע גאונים און דערפֿינדער. זיי מיינען, אז בכן זיי פֿארשטייען און ווייסן, ווייס אויך און פֿארשטייט זייער צוהערער. אזוי האבן גרויסע רביים צדיקים, געזאגט תורה פֿאר זייערע חסידים, וואס די זאָגער האבן פֿארשטאנען, אבער די צוהערער ניט. דאס האט מען א נאמען געגעבן אין חסידיזם: „רזין דרזין״, גאלע סודות.

אויך אין דער וויסנשאַפֿטלעכער וועלט איז דאס זעלבע. וויפֿיל, אומגעפֿער, פֿארשטייען פראָפֿעסאר איינשטיין, ווען ער פֿלעגט ריידן פֿון זיין רעלאַטיוו טעאָריע? אזוי אויך אין אַנדערע נייע מאַטעמאַטישע און אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפֿט.

דער רמב״ם האָט געוואוסט די מקורות פֿון וואַנעט ער האט די דינים און הלכות פֿארצייכנט אין זיין „משנה־תורה״, נאָך היינט זאגן לומדים, אז דער רמב״ם האט קיין דין ניט געבראכט, אז ער זאל ניט האבן געענוי געוואוסט דעם מקור אין תלמוד, אדער אין אַנדערע ספֿרים. מען קאן זיך אויף אים פֿארלאזן און מען פֿאַרלאזט זיך אויף אים טראָץ די קריטיק פֿון ראב״ד און די השגות פֿון אַנדערע. סוף כל סוף איז דאָך פֿאַראַן השגות אויף די השגות פֿון ראב״ד.

יעדנפֿאלס, אויב מיר זאלן נאכגעבן, אז די קעגנערשאַפֿט צום רמב״ם איז געווען אויס קנאה פשוט, איז אבער דער רעזולטאַט געווען א רעאַליזירונג פֿון „קנאת סופֿרים תרבה חכמה״; דאס אייפֿערזוכט פֿון געלערנטע מאכט פֿארמערן חכמה.

צוליב די השגות פֿון ראב״ד אויפֿן „יד־החזקה״, איז אנטשטאנען דורכדעם א גאַנצע שולע פֿון תלמידי־חכמים, וואס האבן זיך פֿארטיפֿט אין רמב״ם׳ס „משנה־תורה״ און אויך אין דער קריטיק פֿון ראב״ד, מען האט געפֿאָרשט, ארגומענטירט, טיף אריינגעקוקט אין מפרשים, רעכט געמאכט דעם רמב״ם קעגן זיינע קריטיקער. מען האָט געלערנט ערנסט אידישע לימודים, און די קריטיק אויפֿן רמב״ם האט ניט פֿארמינערט אויף קיין האָר דעם גרויסן כבוד פֿון רמב״ם אין דער וועלט.

דער ערשטער וואס איז אָפֿן ארויסגעטראטן מיט גרויס יראת־הכבוד צום רמב״ם איז געווען רבי שמואל אבן תיבון פֿון פראוועגציא (דרום פֿראנקרייך). ער האט דעם רמב״ם געשריבן א פֿריינטלעכן בריף און אים מודיע געווען, אז ער וויל איבערזעצן זיין „מורה־נבוכים״ פֿון אַראַביש אויף לשון־קודש, דערצו האט ער אים אין בריף געזאָגט, אז אים געלוסט זיך מיט דער גאַנצער נשמה צו באהעפֿטן זיך און זיין איינער פֿון זיינע תלמידים. ער וואלט אים אויך געוואלט זען פערזענלעך אט דעם וואונדערבאַרן מענטשן, וואס איז דער קאפּ פֿון אידישן פֿאלק.

דער רמב״ם האָט אים נאַטירלעך געענטפֿערט, אז ער איז מסכים צו זיין בקשה,

ווייל דער רמב״ם האט שוין לאנג געוואלט א לשון־קודשדיקע איבערזעצונג פון „מורה־נבוכים״, נאר ער האָט אים געבעטן, אז ער זאל מאכן א פרייע און דערצו פינקטלעכע און איבערהויפט א פארשטענדלעכע איבערזעצונג.

רבי שמואל אבן תיבון האָט אויך געשריבן צום רמב״ם, אז ער וואלט זיך לאָזן פאָרן איבער ימים און מדבריות און קומען קיין מצרים, כדי צו זיין אין איין מחיצה מיטן רמב״ם און לערנען פון אים. אויף דעם האָט דער רמב״ם ניט מסכים געווען צוליב צוויי סיבות: ערשטענס צו לאָזן זיך פאָרן פון דרום פראנקרייך קיין מצרים, אַזאַ סכנותדיקן מהלך, אין יענער צייט, צווייטענס האָט ער אים געענטפערט, אַז ער האָט פשוט קיין צייט ניט צו פארברענגען מיט אים, ווייל „איך—שרייבט אים דער רמב״ם—וואוין אין פאסטאַט, אלט קאירא, און דער קעניג פייזאל, סאלאדינס זון איז אין קאירא גופא, פון מיר צו אים זיינען צוויי תחום־שבת׳ן. איך מוז זען דעם קעניג יעדן טאָג, אָפטמאָל איז ער ניט געזונט, אדער אימיצער פון זיינע קינדער אדער איינע פון זיינע קעבס־ווייבער. ווען איך קום צוריק פון קעניגלעכן הויף בין איך מיד און הונגעריק, און איך געפין מיין גאנצן קארידאָר פון מיין הויז פול מיט מענטשן, אידן און גוים, באאמטע און פשוטע, ריכטער און גוטע פריינט. איך קום אריין און בעט זיי אנטשולדיקונג, זיי זאָלן מיר מוחל זיין ביז איך וועל עטוואס איבער־בייסן. נאכדעם הויב איך ערשט אָן ארבעטן: עקזאמינירן די קראנקע, פארשרייבן רעצעפטן פאר זיי. דאס מאכט מיר פארנומען ביז נאכט. איך פיל דערנאָך זער מיד און שוואַך, איך קאן קיין וואָרט ניט ארויסריידן. איז צוליב וואס זאל זיך רבי שמואל מוסר־נפש זיין און זיך לאָזן אין אַזאַ וויטע און סכנהדיקע נסיעה קיין מצרים״?

רבי שמואל אבן תיבון האָט פארשטאַנען פון דעם, אז ער דאַרף ניט פאָרן קיין מצרים, טראָצדעם וואס עס געלוסט זיך אים צו זען דעם רמב״ם פנים אל פנים און הערן פון אים תורה ודעת פון דערנאָנט. האָט ער, מיט גרויס חשק זיך גענומען צו דער איבערזעצונג פון „מורה נבוכים״, אין געוויסע שטעלן וועלכע איז אים אומקלאר געווארן, אדער ער האט ניט געפונען די פאסענדע טערמינען און אויסדרוקן אין העברעאיש, האָט ער אָנגעפרעגט דעם רמב״ם, און געטאָן אזוי ווי ער האָט אים גע׳עצה׳ט. די איבערזעצונג איז פארטיק געווארן, פארעפנטלעכט געווארן און זיך פארשפרייט אין אלע וועלט־טיילן, וואו עס געפינען זיך אידישע מושבים.

## דעם רמב״ם׳ס „יד חזקה״

מיט דער איבערזעצונג פון „מורה נבוכים״, זיינען שוין אלע רמב״ס ווערק געווען פארשפרייט איבער דער וועלט, און דעם רמב״ם׳ס נאמען האט גענומען שיינען אלס רבי און מנהיג ביים גאנצן אידישן פאלק.

זיינע ספרים, איבערהויפט זיין „משנה תורה״ מיט זיין קלאָרקייט, האט פארנומען דעם „אויבן אָן״ פון אלע פריערדיקע הלכה און חקירה ספרים וואס זיינען געשאפן געווארן פון אנדערע חכמים. זיין ווערק „משנה תורה אדער ווי עס רופט

זיך מיטן צווייטן נאמען „יד החזקה" איז באטראכט געווארן אלס נייער תלמוד און אלס פונדאַמענט פון דער אידישער תורה און אמונה.

א חכם וואָס האט געלעבט אין זיין צייט, רבי ששת בניבנשתי, אין א בריף וואָס ער האָט געשריבן צו די חכמים פון לוניל זאָגט ער:—

„ביז דער דערשיינונג פון ספר „משנה־תורה" אין שפּאַניען, האט מען מיט גרויס שוועריקייטן געמוזט זוכן א דין אין „אלפס" און אין די סוגיות פון תלמוד, וואָס דאס איז געווען זער א שווערע ארבעט. מען האט באדאַרפט אנקומען צו די רבנים און מורה־הוראה׳ס אין געפינען וואס מען מעג און וואס מען טאָר ניט, ווייל קלאָר געפינען דעם דין אין גמרא, נאך די פּיל ארגומענטן, פּילפּולים און מחלוקת פון די תנאים און אמוראים, האט מען ניט געקאנט וויסן גענוי ווי דער דין איז. נאר ווי דער ספר „משנה תורה" האט דערגרייכט אין לאַנד, איז באלד אלץ קלאר געווארן, און עס האבן זיך גענומען מערן, יונג און אַלט, צום לימוד התורה". אויך אין אנדערע לענדער איז דער „משנה־תורה" אויפגעכאפּט געווארן ווי א זעלטענע מציאה און דעם רמב"ם׳ס נאמען האט גענומען קלינגען איבער דער וועלט אלס א „חד־בדרא" וואס האָט געעפענט די אויגן פון גאנצן אידישן פאָלק.

ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואס נאך אַזאַ פאַרערונג און נאך אזעלכע שבחים און גדולה וואס עס איז צוגעטיילט געווארן צו משה בן מיימון, זאָל זיין גורל אַנדערש זיין ווי דער גורל פון משה בן עמרם. ביידע האבן געהאַט קעגנער, און די קעגנער־שאפט האבן אפשר געטראַגן דעם זעלבן כאַראַקטער און מאָטיוו: — קנאה.

פּראָפעסאר גרעץ, הגם אין מאנכע היסטארישע געשעענישן קאן מען זיך ניט פאַרלאָזן, אין גאנצן, אויף זיין מיינונג, נאר אין דעם הינזיכט פון רמב"ם׳ס קעגנער, איז ער האַלב גערעכט. ער זאגט: אז דער רמב"ם האט גליק געהאט אין אלע זיינע אויפטואונגען נור ווי ער האָט גענומען שטייגן צו מער גדולה, האבן זיך גענומען פאַרמערן זיינע שונאים, די וואָס האבן אים מקנא געווען. די קלענערע רבנים, ווען דער „יד־החזקה" האָט באוויזן זייער הינטערשטעלונג אין תורה און דעת, ווען זיי האבן דערזען, אז זיי דערגרייכן ניט צו זיינע קנעכלעך, האט זיך די קנאה ביי זיי צופלאַמט און גענומען זוכן חסרונות. איינער פון אָט די קעגנער איז געווען דער ראש־ישיבה פון באגדאַד, רבי שמואל בן עלי, וואס האט זיך געהאלטן פאַרן גרעסטן גאון, און געפירט זיין הערשאַפט אויף א גראַנדיעזן אופן.

זייענדיק פאַרמעגלעך און האבענדיק ארום זיך תלמידים און באוואָפנטע משרתים, וואס האָבן אפגעהיט זיין כבוד, אז עס זאל חלילה קיין שטויב אויף אים ניט פאַלן, ווען אט דער רבי שמואל בן עלי האָט דערזען, אז עס איז אויפגעשטאַנען אגרעסערער ווי ער, א פערזענלעכקייט וואס זיין נאמען קלינגט אין דער גאנצער אידישער וועלט, האט ער דאס ניט גקאנט דערטראגן. נאר אזוי ווי ער האט ניט געהאט דאס גרויסע און פולע וויסן פון רמב"ם צו קאנען ארגומענטירן מיט אים און אויפווייזן, אז ער איז גרעסער פון רמב"ם, האט ער אנגענומען דעם מיטל פון ביטול און זילזולים, דאָס זיינען געווען די וואַפן מיט וועלכע ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים.

רבי שמואל האָט געפֿונען צו זיך אזעלכע אנהייגער. ווארום מבטל צו זיין אימיצן געפֿינט מען תמיד גיכער אנהייגער ווי אויפצווייזן מיט לאָגיק און וויסענ־שאַפֿט דעם צ׳ווייטנס פֿעלערן. ביי יעדע געלעגנהייט האָבן זיי דערנידעריקט דעם רמב״ם׳ס כבוד און עפֿנטלעך פּראָפּאַגאַנדירט אז ער איז ניט קיין למדן, ער איז גאָר קיין גלויביקער ניט, און איז ניט קיין בר־סמכא, מען טאָר זיך אויף אים ניט פֿאַרלאָזן. זיין תורה איז קיין תורה ניט און זיין פֿילאָזאָפֿיע איז קעגן תורת־משה.

אמת, צווישן די קעגנער פֿון רמב״ם האָבן זיך געפֿונען ערנסטע מענטשן, וואס האָבן ניט געקענט אריינגעדרונגען, אדער ניט גוט פֿאַרשטאַנען דעם רמב״ם׳ס אידעען, און די וואס האָבן יאָ פֿאַרשטאַנען, האָבן אים חושד געווען, אז ער האָט דאָס גענומען פֿון ניט אידישע קוואַלן און דאָס קאָן גאָר ברענגען שאַדן צו דער אידישער אמונה.

אויסער די קעגנערשאַפֿט אין שייכות מיט קלענערע דינים, וועלכע דער רמב״ם האָט מתיר געמאַכט און זיי האָבן געהאַלטן, אז עס איז אסור, איז זייער שאַרפֿע קעגנערשאַפֿט געווען צו זיין מיינונג וועגן „תחית־המתים״ ווי ער דערקלערט אין זיין פּירוש אויף דער משנה אין צענטן פּרק פֿון סנהדרין.

פֿון די קלענערע דינים איז דאָ ווערט צו ברענגען די שאלה וואס זיי האָבן אים געפֿרעגט: צו מעג מען פֿאָרן אויף א שיף אויפֿן טייך „חדקל״ אדער אויפֿן טייך „פרת״, אויף דער שאלה האָט זיי דער רמב״ם געענטפֿערט, אז מען מעג. אויף דעם האָט זיך דער ראש־ישיבה פֿון באַגדאַד אנגעכאַפּט, און אין א בריף צום רמב״ם האָט ער אים געשריבן, דאָס וואס ער איז מתיר ווייזט, אז ער ווייס אַפֿילו ניט דעם דין פֿון „תחום־שבת״ צו דאָס איז מן התורה אדער מדרבנן. נאָר אויף דעם בריף האָט אים דער רמב״ם געענטפֿערט, אז די טייכן חדקל און פרת זיינען ניט קיין רשות הרבים, און מען מעג פֿאָרן אויף זיי אום שבת.

מיט דעם ענטפֿער איז אָט דער רבי שמואל בן עלי ניט אנטשוויגן געוואָרן און האָט ניט אויפֿגעהערט צו באַליידיקן דעם רמב״ם מיט זיין „משנה־תורה״ און האָט זיך געהאַלטן ביים איסור פֿון פֿאָרן אויפֿן וואַסער אום שבת.

שטאַרקער איז געווען די קעגנערשאַפֿט קעגן רמב״ם וועגן „עולם הבא״, וואס לויט זיין מיינונג איז ניט ווי אין תלמוד ווערט געזאָגט, אז די טויטע וועלן אויפֿשטיין אין זייערע קליידער און נעמען צוריק לעבן אויף דער וועלט. „תחית המתים״, לויט דעם רמב״ם׳ס מיינונג איז דאָס לעבן פֿון די נשמות לעולם־הבא, וואו דאָרט איז אייביק לעבן און אייביקער גענוס. ווארום ווען דער מענטש שטאַרבט ווערט פֿון זיין גוף ערד, נאָר די נשמה, דער גייסט, גייט ארויף צו דער געטלעכקייט און דער וואס איז זוכה לעבט דאָרט זיין נשמה אייביק אין תענוג. די מיינונג איז אין קאָנ־טראַסט מיט פֿיל מאמרים אין תלמוד און דאָס האָט אויפֿגעברויזט שטאַרק זיינע קעג־נער.

אין אמתן איז שווער צו פֿאַרשטיין דעם רמב״ם׳ס מיינונג וועגן „תחית־המתים״, ווייל אויפֿווייזן דאָס מיט שכל און לאָגיק קאָן מען ניט. פֿאַר דעם וואס איז א גלויבי־קער דאַרף מען ניט קיין לאָגיק און קיין שכל. ער גלויבט און דערמיט איז געענדיקט, און פֿאַר דעם וואס גלויבט ניט וועט אַפֿילו שכל און לאָגיק ניט העלפֿן. דער רמב״ם

האָט בעצם געגלויבט אין תחית־המתים. דאָס איז דאָך פֿון זיינע 13 עיקרים.

תחית־המתים—זאָגט דער רמב״ם—איז איינע פֿון די פּרינציפּן אין דער אידישער אמונה, אבער דאס איז ניט דער לעצטער תכלית. אמת איז, אַז די יעניקע, וועלכע צו זייערע גופים וועלן זיך די נשמות צוריקקערן, וועלן עסן, טרינקן קינדער האבן, נאָר זיי וועלן צוריק שטארבן. ווארום מען קאן זיך דאָך ניט פֿאָרשטעלן, אז גאָט וועט באשאַפֿן א מענטשן מיט אלע זיינע גלידער און זאָל לעבן אָן א סוף, סתם אזוי. די וואס וועלן יאָ לעבעדיק ווערן, וועלן צוריק שטארבן, נאָר זייערע נשמות וועלן אייביק לעבן. זיך געפֿינען אין דער וועלט פֿון נשמות, און גענישן דעם פֿאַרגעניגען פֿון זיו השכינה. דאָרט איז נישטאָ קיין עסן און טרינקן, דאָרט איז גאָלע גייסט.

די מיינונג באַגרינדעט דער רמב״ם פֿון תנ״ך און פֿון תלמוד. דאָס האָט אָבער ניט צופֿרידנגעשטעלט זיינע קעגנער נאר נאָך מער זיי ארייגעבראכט אין צאָרן. ס׳איז אויך מעגלעך, אז זיין מיינונג האָט ניט צופֿרידנגעשטעלט אפֿילו א סך פֿון זיינע אנהייגער. דער איינציקער ענטפֿער, וואס קאן געגעבן ווערן איז, דאס דער רמב״ם האָט באמונה שלימה געגלויבט אין ״תחית־המתים״, און ניט געזוכט אויף דעם קיינע איבערצייגונג און קיין שכל.

נאָך א שטארקן קעגנער האט דער רמב״ם געהאט אין אלעפּא מיטן נאָמען זכריה, וואָס האָט באלײדיקט און באשמוצט דעם רמב״ם׳ס נאמען. דער, מיטן ראש־ישיבה פֿון באגדאַד האבן צוגעצויגען אנדערע און אין געהיים געארבעט ארונטער־צורייסן דעם רמב״ם׳ס נאמען. דער רמב״ם אליין האט קיין אויפֿמערקזאמקייט ניט געשאָנקן צו זייערע רכילות און לשון הרע, נאר זיין באליבטער תלמיד, רבי יוסף אבן עקנין, האָט דאס ניט געקאנט פֿארטראגן ווי מען פֿארביטערט זיין רבי׳נס לעבן, און גענומען נקמה פֿון דעם ראש־ישיבה. ער האט אין באגדאַד געגרינדעט א ישיבה צו לערנען תלמוד און פוסקים לויט די שיטה פֿון רמב״ם. א סברה, אַז פֿיל תלמידים פֿון רבי שמואל האבן אים פֿארלאָזן און אריין אין דער ישיבה פֿון רבי יוסף אבן עקנין.

דער רמב״ם האט אים ניט געשטערט פֿון גרינדן די ישיבה, אבער ער האט אים געוואָרנט, אז ער זאל דערפֿון קיין עסק ניט מאַכן, ער זאָל קיין געלט ניט נעמען פֿון דער קהילה, און אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל נעמען לערנען מעדיצין כדי צו פֿאַרדינען זיין פרנסה צום לעבן.

אינטערעסאנט איז, וואס גראַד אין אַזאַ טומעל און גערודער קעגן אים, דערצו נאָך זייענדיק אזוי פֿארנומען אלס דאָקטאר, האט דער רמב״ם פֿארענדיקט זיין גרויסע פֿילאָזאָפֿישע ווערק דעם „מורה־נבוכים״, וואס האט צוגעגעבן מער פֿייער אין די הערצער פֿון זיינע קעגנער, אי ביי זיין לעבן און נאָך מער נאָך זיין טויט.

ווי נאר די איבערזעצונג פֿון „מורה־נבוכים״ האט דערגרייכט די געמיינדע פֿון מאנטפּילייר, האט זיך, צווישן דארטיקע חכמים, אויפֿגעהויבן א „ויצעקו״. עפּעס נייע געדאנקען, גארניט קיין אידישע, האבן זיי געפֿונען אין דעם „מורה־נבוכים״. עפּעס איז דעם רמב״ם׳ס גאָט גאר אַן אנדערער ווי זיי גלויבן. אויך איז דער שכר־ועונש אויף יענער וועלט גאָר אנדערש ביים רמב״ם ווי זיי האבן געלערנט און פֿארשטאנען. זיי האבן געלערנט, אז אויף יענער וועלט גיט מען פֿאַר מצוות דעם לויתן, דעם שור־

הבר און דעם יין־המשומר, און דא קומט דער רמב״ם און דערציילט זיי פֿון גייסטיקע פֿארגעניגענס, פֿון וועלכע זיי האבן קיין אַנונג ניט.

בכלל, ניט פֿארשטייענדיק גרינדלעך די פֿילאָזאָפֿיע פֿון „מורה־נבוכים״ האבן זיי מיט אייגענע סברות אינטערפּרעטירט און אויסגעפֿונען, אז אַזאַ ספר טאָר זיך ניט אין קיין אידישע הויז געפֿינען.

צו זיי זיינען אויך צוגעשטאנען גרויסע רבנים, וואס האבן געפֿונען אין רמב״ם׳ס ספרים אזעלכעס, וואס פֿירט אראפּ פֿון דרך־הישר, און עס איז א מצוה זיי צו פֿאַר־ברענען און זיי אויסראָמען, אַז עס זאָל פֿון זיי קיין זכר ניט בלייבן.

דער הויפּט אנפֿירער פֿון מקיים זיין די מצוה צו פֿארברענען דעם „חמץ״, איז געווען הרב ר׳ שלמה בן אברהם. א פּאָפּולערער רב אין לומדות און צוויי תלמידים איינער רבי גירונדי החסיד, ער איז געווען דער רבי פֿון רשב״א און אַ קרוב פֿון רמב״ן. די קרובהשאפֿט איז באשטאנען אין דעם, וואָס דעם רמב״ן׳ס שנור איז געווען די ווייב פֿון הרב שלמה׳ס זון און א טאכטער פֿון רבי יונה גירונדי, וואס האָט מחבר געווען דעם ספֿר „היראה און שערי־תשובה״, די וועלט האָט אים גערופֿן רבי יונה הגדול פֿון בארצעלאָנאַ. ער און נאך איינער, מיטן נאָמען ר׳ דוד בר׳ שאול, האָבן געעומען פֿארשפּרייטן פּאַמפֿלעטן מיט א „חרם״ אויפֿן מורה־נבוכים און אויפֿן ספר „המדע״. (ערשטער טייל אין יד־החזקה).

אויסער דעם „חרם״ האבן זיי גענומען דרשנ׳ען קעגן רמב״ם אין די שולן און אין אלע עפֿענטלעכע פֿארזאמלונגען און פֿארשפּרייט דעם „חרם״ אין פֿיל קהילות פֿון פֿראנקרייך און פֿון שפּאַניען.

די חכמים פֿון לוניל, וואס האָבן רעספּעקטירט דעם רמב״ם, האבן זיך אנגע־שלאָסן צו די חכמים פֿון נארבונא, וועלכע האבן אויך זער הויך געשעצט דעם רמב״ם און אָריינגעלייגט אין חרם די אלע וואס זאָגן א שלעכט וואָרט אויפֿן רמב״ם. זיי האָבן ארויסגעשיקט בריף צו אַלע קהילות אין שפּאניען, אז זיי זאָלן זיך ניט צוהערן צו די בלבולים און רכילות פֿון די חברה אין פֿראנקרייך וואס ארבעט קעגן דעם גדול־הדור, דעם רמב״ם.

אזוי איז אנטשטאַנען א פֿייערדיקע מחלוקה צווישן די קהילות איינס קעגן די אַנדערע. דער רב, שלמה בן אברהם, האט דערזען, אז אים מיט זיין חברה וועט ניט געלינגען צו באשמוצן דעם רמב״ם׳ס נאמען, האט צונויפֿגעקליבן נאך אזעלכע קנאים ווי ער און מען האט איבערגעגעבן דעם „מורה נבוכים״ אין די הענט פֿון די גלחים, אז זיי זאָלן זען ווי זיין מחבר לייקנט אין גאָט, און אָט דער ספר איז ניט בלויז א געפֿאַר צו דער אידישער אמונה, נאר אויך א סכנה פֿארן קריסטלעכן גלויבן און געבעטן די גלחים, אז זיי זאָלן פֿארברענען אלע מורה נבוכים׳ס וואָס געפֿינען זיך אין לאנד.

ס׳איז א היסטארישער פֿאַקט, דאס ווען אידן קריגן זיך, צווישן זיך, און ווענדן זיך צו גויים, אז זיי זאָלן ווערן זייערע פֿארמיטלער, איז דער סוף זער א טרויעריקער.

דאָס זעלביקע האט געטראָפֿן מיט דער אידישער מסירה אויפֿן „מורה נבוכים״ פֿאַר די גלחים. זיי האבן גענומען פֿארניכטן אלע ספֿרים פֿון רמב״ם. איבערהויפּט יעדן ספר „מורה נבוכים״ וואו נאָר זיי האבן דאָס געקאנט געפֿינען.

דאָס האָט נאָך מער אויפגעפלאַקערט די מחלוקה צווישן די צוויי אידישע מחנות, די וואָס האָבן פאַרערט און פאַרהייליקט דעם רמב״ם און זיינע ספרים מיט די וואָס האָבן באַשמוצט זיין נאָמען און אים פאַרמסרט ביי די גלחים—און די ערגסטע סכנה פאַר דעם אידישן פאָלק איז, ווען עס איז קיין אחדות נישטאָ; ווען דאָס פאָלק צוברעקלט זיך אין עקסטרימע פאַרטייען. דאַן געפינען די שונאים די בעסטע געלעגנהייט צו פאַרניכטן ביידע צדדים.

ווי נאָר די קאַטוילישע קירכע האָט דערהערט די שפּאַלטונג צווישן די אידישע קהילות, האָט זי זיך גענומען צו פאַרניכטונגס אַרבעט. אָנהויבנדיק מיט דער פאַר־לענדונג פון רמב״ם׳ס ספרים און ענדיקענדיק מיט שחיטות אויפן פאָלק.

מעגלעך ווען דער רמב״ם וואָלט נאָך געלעבט, מיט זיין גרויסן קלינגענדן נאָמען, וואָלט אפשר דער גאון און גדול־הדור, געפונען אַן עצה דורך פּאָליטישע אָדער געזעל־שאַפטלעכע קווּעלן, צו פאַרמיידן דעם אומגליק.

עס איז אויך מעגלעך, אַז די שפּאַלטונג און קריגעריי צווישן די קהילות וואָלטן ניט געווען אַזוי שאַרף, אַז זיינע קעגנער זאָלן זיך ווענדן צו די גוים. אָבער דער רמב״ם איז שוין ניט געווען צווישן די לעבעדיקע, און מען קאָן זאָגן, אַז ער האָט איבערגעלאָזן די אידישע קהילות פאַריתומ׳ט. נישטאָ שוין אַזאַ מנהיג, אַזאַ מוח און אַזאַ וועלט־פּערזענלעכקייט, וואָס זיין וואָרט זאָל האָבן אַ ווירקונג, צו וועמען מען זאָל זיך צוהערן.

אמת, דער רמב״ם האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסן זון, רבי אברהם, וועלכער איז אויך געווען גרויס אין תורה און בארימט אַלס דאָקטאָר. איינער פון זיינע פּאַציענטן איז געווען דער ברודער פון קעניג סאַלאַדין. דערצו איז ר׳ אברהם אויפגענומען געוואָרן אויף זיין פאָטער׳ס פּלאַץ, אַלס מנהיג פון די קהילות אין מצרים, דאָך איז ער ניט געווען בכוח צו ווירקן אויף די קהילות, אַז זיי זאָלן שליסן שלום.

פון צייט צו צייט, פלעגט ער אַרויסטרעטן און פאַרטיידיקן זיין פאָטער פון די קריטיקער און קעגנער. דאָס האָט ער געטאָן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין פאָטער׳ס תורה־דעות אָדער פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, אָבער ער האָט ניט געקאָנט פאַרמיידן דעם פייער פון מחלוקת, ווען עס האָט שוין דערגרייכט אין די קריסטלעכע הענט, וואָס האָבן מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט צו פאַרשטאַרקן די קאַטאָליקעשע העגע־מאָניע און אָפּמעקן אַנדערע גלויבענס. באַזונדערס זאָל האָבן דאַמאָלסט געהערשט דער פּויפּ, אינוסינטו דער דריטער, וועלכער האָט אַנגעפירט זיין הערשאַפט מיט גרויס מאַכט און האָט ניט געקאָנט דערטראָגען די אידישע אמונה, וואָס איז אים ווי אַ דאָרן אין די אויגן געשטאָנען. ס׳איז דערפאַר איצט די בעסטע געלעגענהייט צו דערדריקן די אידן, ווען צווישן זיי הערשט אַזאַ פייערדיקע מחלוקה.

## די קינה פון מהר״ם

גערעכט איז געווען דער חכם שלמה המלך, וואָס האָט געזאָגט, „פוטר מים ראשית מדון, ולפני התגלע הריב נטוש״ וואָס דאָס מיינט: דער אָנהויב פון מחלוקת

איז אזוי ווי מען לאָזט לויז א וואַסער צו לויפֿן, דערפֿאַר איידער די קריג ברעכט אויס לאָזט עס אָפּ.

די קעגנערשאַפֿט צום רמב״ם פֿילאָזאָפֿישע מיינונגען האָט זיך אנגעפֿאנגען נאָך ביי זיין לעבן, אבער דער יראת־הכבוד פֿאַר אַזאַ לויכטענדן שטערן האט געשאַפֿן אבשיי פֿון די ניט צופֿרידענע. זיי האבן זיך נאָר זער שטיל געשושקעט, געסודעט קעגן אים, מען האט קוים געקאָנט זיי הערן, מחמת דאס לויב און די שבחים מצד דעם רמב״ם׳ס פֿאַרערער, האָבן פֿאַרטויבט דאס מורמלן פֿון די עטלעכע קעגנער.

ס׳וועט זיין אין פלאַץ צו דערמאנען דאָ דעם געלערטן ר׳ מאיר בן טודרוס הלוי אבולאפֿיאַ, וואָס האָט געוואוינט אין טאָלעדא, און באלד ווי צו אים האָט דערגרייכט דער „משנה־תורה״ פֿון רמב״ם, און האט אריינגעקוקט אין דעם טייל פֿון „ספֿר המדע״ וועגן עולם־הבא, וואס דער רמב״ם זאָגט, אז דאס מיינט ניט קיין פֿיזישע פֿאַרגעניגן, האָט אָט דער אבולאפֿיאַ באַלד געשריבן א בריף צו די חכמים פֿון לוניל זיך באקלאָגנ־דיק פֿאַר זיי, אז דער רמב״ם גלויבט ניט אין תחית־המתים. נאָר זיין בריף האָט קיין ווירקונג ניט געמאכט אויף די חכמים, הגם רבי אבולאפֿיאַ האָט געשטאַמט פֿון זער א הויכע פֿאַמיליע אין שפאניען, און איז אליין אויך געווען א גרויסער למדן און זער געשעצט, דאך האבן זיינע רייד ניט געהאָלפֿן צו דערנידעריקן דעם כבוד און וויסן פֿון רמב״ם.

א חוץ אין שפּאַניע האָט זיך אויך געפֿונען א קעגנער צום רמב״ם איינער פֿון די בעלי־התוספֿות אין פֿראַנקרייך, רבי שמשון פֿון שאנץ. אַזוי שאַרף איז געווען זיין קעגנערשאַפֿט צום רמב״ם, דאס ווען די גרויסע חכמים פֿון פֿראנקרייך, און ענגלאנד, האָבן זיך אין א קאמפאניע געלאַזט פֿאָרן קיין מצרים זען דעם רמב״ם פנים אל פנים, האט זיך רבי שמשון ניט אפגעשטעלט אין מצרים מיט זיי, נאר איז גלייך געפֿאָרן קיין ארץ ישראל, ער האָט דעם רמב״ם ניט געוואלט זען.

ווי געזאָגט שוין זיינען די קעגנער פֿון רמב״ם, ביי זיין לעבן, ניט געווען פֿיל און ניט שטארק, נאָר ווי אט דער גדול־הדור איז אוועק, האט זיך די מורא און כבוד, פֿון די קעגנער אָפּגעטאָן, און די שטילע, איינגעהאלטענע און קוים הערענדיקע קריג, האָט גענומען זיך שפּרייטן, ווי א קוואַל אויסברוך, און געבראכט צרות און יסורים אין דער אידישער מחנה אין מזרח און מערב.

אמת, די פֿאַרערער און אנהייגער פֿון רמב״ם׳ס תורה און פֿילאָזאָפֿיע, זיינען געווען ניט אין אַן ערך, פֿיל מער און מעכטיקער פֿאַר די קעגנער, אבער אַז אייניקע פֿון זיי האָבן אָנגעהויבן מיט מסירות, און אריינגעשלעפּט די גלחים אין דער מחלוקה האָט עס געפֿירט צו פֿיל אידישע קרבנות.

ווי שוין אויבן דערמאָנט, איז דער ערשטער, וועלכער איז ארויסגעטראָטן אין אַן אפֿענער מלחמה קעגן רמב״ם געווען ר׳ שלמה בן אברהם פֿון מאנטפליער. ער איז געווען אַ איד אַ חסיד, און זיין גאנצע וועלט איז געווען דער תלמוד. אפֿילו אין די לעגענדעס פֿון תלמוד האָט ער געגלויבט פונקט אַזוי ווי די חכמים האָבן דערציילט. און ווען רבי בר־בר חנא דערציילט אים, אז „ער האָט געזען אַ פֿויגל וואָס זיין קאָפּ גרייכט אין הימעל שטייענדיק אין ים ביז די קנעכלעך, דאס טיפֿקייט פֿון וואַסער איז

דאָרט אזוי, אַז זיבן יאָר ווי עס גייט דאָרט אַן אייזערנע האַק און האָט נאך צום גרונט ניט דערגרייכט", אָט די הגדה אויך איז געווען ביי דעם רבי שלמה אַן אמת, א ווירקלעכקייט.

ס'איז דערפֿאַר קיין וואונדער ניט וואָס ער, און נאך אייניקע ווי ער, האָבן געגלויבט, אז דאָס וואָס דער תנ"ך זאָגט ביי יחזקאל הנביא: „היתה עלי יד ה'", האָט ער פֿארשטאנען, אַז גאט'ס האַנט איז געווען אויף יחזקאל'ס פלייצעס, און נאך אנדערע אַזעלכע פסוקים, אין וועלכע גאָט ווערט פֿאָרגעשטעלט מיט הענט און פֿיס, מיט א מויל און אויערן און מיט אַלע אברים פֿון אַ מענטשן.

היינט דאָ קומט דער רמב"ם און זאגט, אז גאט „אין לו גוף ואין לו דמות הגוף", עס איַז גאָר אַ זינד ווען מען שטעלט זיך פֿאָר גאָט אין א פֿיזישן געשטאלט. אַזאַ דעה איז געווען ביי דעם רבי שלמה גאלע אפיקורסוס. מען דאַרף דערפֿאַר מלחמה האַלטן קעגן זיינע ספרים, כדי מקיים צו זיין דעם „ובערת הרעה מקרבך", קיין אונטערשיד מיט וואָסערע מיטלן און וואס עס זאָלן ניט זיין די קאנזעקווענצן, האָט ער תחילה אָנגעהויבן מיט אַ חרם אויפֿן רמב"ם'ס ספֿרים און דערנאָך מיט א מסירה.

קעגן חרם זיינען באלד ארויסגעטראָטן די חסידים פֿון רמב"ם. זיי האבן ניט געקאָנט פֿאַרטראגען די חוצפה פֿון דעם ר' שלמה מיט זיינע צוויי תלמידים, רבנו יונה הגדול פֿון גירונדע און ר' דוד בן שאול, און די דריי קהילות פראווינציע, לוניל, באַדראש און נארבונאַ האָבן אויסגערופֿן אַ חרם אויף די דריי, וואָס האָבן געמאכט א חרם אויפֿ'ן רמב"ם'ס ספרים.

אויך אין מאונטפליי גופֿא האט זיך די קהילה צושפאלטן אין צוויי פארטייען: איינע מיט ר' שלמה'ן און זיינע צוויי תלמידים, און א צווייטע פארטיי קעגן זיי און האלטענדיק זיך פֿעסט צו די לערנונג פֿון רמב"ם.

צווישן דעם רמב"ם'ס חסידים האבן זיך געפֿונען די צוויי גרויסע חכמים, וואס האבן גע'שם'ט אין דער אידישער וועלט, ר' דוד קמחי, (דער רד"ק) און ר' משה בן נחמן (דער רמב"ן) הגם דער לעצטער איז ניט געווען אין גאנצן איינשטימיק מיטן רמב"ם'ס פֿילאזאפֿישע שיטה, דאך האָט ער אים מכבד געווען פֿאר זיין רייכער תורה. ביידע חכמים האבן זיך באמיט צו מאכן שלום צווישן די קריגערישע קהילות. נאָר דאס האט זיך זיי ניט איינגעגעבן.

ס'וואלט דא פֿארנעמען צופֿיל פלאץ איבערצוגעבן וואס עס האט זיך אָפגעטאָן צווישן די צוויי קריגערישע פארטייען פֿאר און קעגן רמב"ם. אין קורצן קאן דא פֿארצייכנט ווערן, דאס ווען דער הויפט קריגער, ר' שלמה, האט דערזען, אז די חסידים פֿון רמב"ם פֿארמערן זיך, די מחלוקה פֿירט צו שפיכת־דמים, די גלחים ברענען נישט בלויז דעם רמב"ם'ס ספֿרים, נאר יעדן אידישן ספֿר, וואו נאר עס געפֿינט זיך, ווערט צוגענומען און פֿארברענט, דער קעניג לודוויג דער נײַנטער און דער פויפ גריגאר דער נײַנטער, האבן ארויסגעלאזן א גזירה, אז מען זאל אויך פֿארברענען דעם תלמוד און א שטראף איז ארויפֿגעלייגט געווארן אויף יעדן אידן, ביי וועמען מען וועט געפֿינען א אידישן ספר אין הויז, און דער סוף איז געווען, אז גאַנצע וועגענער מיט ש"ס'ן און פוסקים האָט מען געברענט אין מיטען גאַס פֿון פּאַריז,

און די מיליטער און פאליציי, וואס פלעגן קומען אין אידישע הייזער צונעמען די ספרים פלעגן שלאגן מכות־רצח, די יענע אידן וואס האבן זיך איינגעשטעלט צו פארהיטן די הייליקע ספרים, און ניט ווייניק אידן זיינען אומגעקומען אין דעם אומגליק. ערשט דאן האבן די קעגנער פארשטאנען, אז דאס איז א שטראף פון גאט, ווייל זיי האבן באריהרט דעם כבוד פון דעם קדוש—דעם רמב״ם, און זיינען געווארן בעלי־תשובה.

די גרויסע שריפה אויף אלע אידישע ספרים איז פארגעקומען אין יאר 1244 אין דער פראנצויזישער הויפט־שטאט פאריז. דער טרויער פון די אידן איז געווען נאך גרעסער ווי די שריפה. דאס ברענען די ספרים האט געדויערט פערציק טעג, אבער דער טרויער נאך די ספרים האט געדויערט פיל חדשים און יארן, ווייל חוץ די ספרים זיינען זער פיל אידן דערמארדעט געווארן. ס'איז גענוג א פונק צו מאכן א גרויס פייער און עס איז גענוג א קליין סיבה צו מארדן און רויבן א גרויסע צאל אידן.

רבי יונה גירונדי איז געווען דער ערשטער צו ווערן א בעל־תשובה. ער האט אויף זיך גענומען א תשובה, צו פארן קיין ארץ ישראל, און זיך לייגן אויפן רמב״ם'ס קבר מיט א מנין אידן, און אים בעטן מחילה און כפרה.

גאנצע זיבן טעג זאל ער דאס אזוי טאן. אזוי האט ער פארזיכערט ווען ער האט געזאגט זיין ווידוי פאר א גרויסן קהל, און דאס איז געווען די ווערטער זיינע:

„איך שלאג זיך אין פנים, איך שעם זיך און האב חרטה אויף אלע רייד וואס איך האב פון מיין מויל ארויסגערעדט קעגן אונדזער הייליקן רבין ר' משה בן מיימון און זיינע ספרים. איך בין זיך מודה פון טיפן הארצן און זאג: משה און זיין תורה איז אמת, און מיר זיינען ליגנער. איך נעם אויף זיך צו פאלן מיט א מנין אידן אויף זיין קבר און זאגן אלע טאג: איך האב געזינדיקט צום גאט פון ישראל און צו רבינו משה בן מיימון און צו זיינע ספרים“.

וועגן דעם הויפט מחלוקה מאכער, ר' אברהם און אויך זיין צווייטער תלמיד, ר' דוד, דערציילט ניט די געשיכטע, אז זיי זיינען געווארן בעלי־תשובה.

עס ווערט אויך ניט דערמאנט ווער עס זיינען געווען די אלע מענטשן, וואס האבן פארשוועכט די מצבה פון רמב״ם, אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעשריבן, דאס ער איז געווען דער „מבחר האנושי“ דאס הייסט: דער בעסטער פון דער מענטשהייט, האבן זיינע קעגנער פארמעקט דעם אויפשריפט און אנגשריבן, דאס „ר' משה בן מיימון איז אן אפיקורוס און ער איז אין חרם“.

פראפ. גרעץ ברייגנט, אז דער פארשוועכער איז געווען שלמה הקטן, ווארשיינלעך זאל דאס האבן געטאן דער שארפסטער קעגנער פון רמב״ם דער ר' שלמה וואס האט אנגעפירט די מסירה פאר די גלחים, נאר די וואס זיינען געווארן בעלי־תשובה, נאך די שריפה, האבן צוריק פארמעקט דעם שענדלעכן אויפשריפט, און אנגעשריבן דעם אריגינאלן אויפשריפט.

מען קאן זיך פארשטעלן דעם צער און הארצברעכעניש פון דעם גרויסן זון, רבי אברהם, ווען ער האט באקומען די ידיעה, אז מען האט זיין טאטענס ספרים

פֿארברענט, נאָר וואס האט ער געקאנט טאָן? ער איז אין מצרים און די שריפֿה איז געוועז אין פאריז. האט ער פֿארטיידיקט זיין גרויסן פֿאָטער אין א קליין ספֿרל, וואס ער האט א נאמען געגעבן „מלחמות ה׳“ אין וועלכן ער ווייזט אויף קלאר ווי ווייט די קעגנער פֿון זיין פֿאָטער פֿארשטיין ניט קיין פשט פֿון די פסוקים און די מיינונגען פֿון זיין פֿאָטערס תורה, און האט אין דעם ספֿרל באלויכטן פֿיל פֿון זיין פֿאָטער׳ס באגריפֿן וועגן גאט, וועלט, תורה און דעת.

דאָ איז אינטערעסאנט צו דערמאנען, אז וועגן די שריפֿה פֿון די ספרים, האט דער גאון מהר״ם מחבר געווען א קינה, וואס מיר זאָגן נאך היינט „תשעה־באב“. די קינה הויבט זיך אָן „שאלי שרופה באש“.

## די לעגענדעס ארום רמב״ם

אין עלטער פֿון 70 יאר איז דער גאון און קדוש ר׳ משה בן מיימון נפטר געווארן דאס איז געשען אין יאר 1205. די ידיעה פֿון זיין פטירה האט אויפֿגערודערט די גאנצע אידישע וועלט. אין יעדע מדינה און אין יעדע שטאָט, וואו אידן האבן זיך געפֿונען האָט מען הספדים געמאכט און אבילות געהאלטן. אין מצרים האבן ניט בלויז אלע אידן געקלאגט, געטרויערט און געפֿאָסט, נאר אויך א גרויסע צאָל אראַבער האבן געטרויערט אויפֿן פֿארלוסט פֿון דעם גרעסטן אידן פֿון זיין דור.

אידן האבן זיך פֿארזאמלט אין די שולן, געלייענט אין דער תורה די פרשה פֿון דער ״תוכחה״ און מפֿטיר געלייענט דעם ערשטן קאַפיטל פֿון נביא שמואל, וואו עס געפֿינט זיך דער פסוק: „גלה כבוד מישראל כי נלקח ארון אלהים“ און צו קבורה האָט מען אים געפֿירט קיין ארץ ישראל אין דער שטאט טבריה.

אינטערעסאנט איז דאָ איבערצוגעבן די לעגענדע וואס ווערט דערציילט וועגן רמב״ם׳ס לויה, ווי דער היסטאריקער גרעץ ברייינגט עס אין זיין אידישער געשיכטע:

ווען די מלווים האבן זיין ארון געטראגן קיין ישראל, זיינען זיי באגעגענט געווארן פֿון אַ קאַמפּאניע בעדואינער, וועלכע האבן געוואלט דעם ארון אריינוואַרפֿן אין ים. די צאָל פֿון די בעדואינער איז געווען דרייסיק מאן, האבן די דרייסיק בעדואינער גענומען זיך צו דער ארבעט ארייינצוואַרפֿן דעם ארון אין ים. נאָר פֿארוואונדערט זיינען זיי געוואָרן זעענדיק, אז זיי קאָנען אים ניט אויפֿהויבן פֿון אָרט. טראכטענדיק וואס קאָן דאָס זיין, האט זיך דער הויפטמאן פֿון זיי אפגערופֿן: דאָ ליגט געוויס זער א הייליקער מענטש און אללא וויל ניט מען זאל אים אריינוואַרפֿן אין וואַסער. האבן די איבעריקע באלד פֿארשטאנען, אז זייער הויפטמאן איז גערעכט און געלאפֿן רופֿן די אידן, אז זיי זאָלן אים טראגן וואו זיי ווילן. די בעדואינער האָבן זיי באגלייט, אז קיינער זאָל זיי מער ניט שטערן און געגאַנגען מיט דער לויה ביזן פלאץ פֿון קבר.

דעם רמב״ם׳ס קבר, לויט דעם „סדר הדורות“ געפֿינט זיך אין טבריה. נאר עס איז פֿאַראַן א דעה, אז ער איז געקומען צו קבורה אין חברון, ביי די קברים פֿון אונדזערע אבות. די ערשטע איז אמת׳ער.

דער רושם וואס דעם רמב״ם׳ס הסתלקות האט געמאַכט אין דער גאַנצער וועלט איז אין לשער. רבי ידעיה הפניני, אין זיין ספר „בחינת־עולם״ זאגט: „דער רמב״ם איז געווען דער לעצטער פון „די גאונים און דער ערשטער אין חשיבות״. אין דעם בריף פון דעם משכיל און למדן שי״ר, (ש. י. ראפאפארט ז״ל) וואס ער האט געשריבן קעגן די רמב״ם׳ס קריטיקער: זאגט ער: ״ס׳איז נאך ניט אויפגעשטאנען אזעלכע ווי דער רמב״ם ביז איצט אין דער גאנצער וועלט״.

אויף זיין מצבה האָט אימעצער אויסגעקריצט די פאָלגענדע שורות:—

אדם־ולא אדם
ואם אדם היית,
ממלאכי־רום אמך הרתה,
או אומרים לאל: באין אשה ואיש,
מלאך בעולם תחתון בראת.

לאָמיר פרואווען פאַרטייטשן דעם העברעאישן אויפשריפט פאַר די לייענער, וועמען עס איז פרעמד העברעאישע דיכטונג:—

מענטש—און ניט־מענטש
און אויב א מענטש ביזטו געבוירן,
דיין מוטער פון מלאכים טראָגענדיק געווארן.
אדער געלויבט איז גאָט,
וואָס אן פרוי און מאן האָט
דאָ אויף דער וועלט דערנידער,
באַשאַפן א מלאך ווידער.

צו די שורות, ווי געזאגט, וויס מען ניט ווער עס האָט זיי אויסגעקריצט. מען וויים אבער ווער עס האט געלאזט אויסקריצן די שורה: „פה טמון משה בן מיימון מבחר האנושי״—דאס הייסט:—דא איז באהאלטן משה דער זון פון מיימון, דער בעסטער פון דער מענטשהייט. נאָר דער ר׳ שלמה, פון מאנטפלייר, ווי שוין דער־מאנט, איז געקומען קיין ארץ ישראל, האט אבגעמעקט די שורה און אנגעשריבן: „פה טמון משה בן מיימון המוחרם והמין״—דאס הייסט, אז דאָ ליגט דער וואס איז אין חרם ארייגעלייגט געווארן און דער אפיקורוס. אין אמתן וויים מען ניט גענוי, צו דאס האָט געטאָן דער ר׳ שלמה, אדער איינער פון זיינע מיטהעלפער אין דער מחלוקה.

די צוויי אויפשריפטן אילוסטרירן די צוויי קאנטראסטן אין דער שיטה פון אידישקייט צווישן די צוויי אמאָליקע פאַרטייען פון דעם אידישן פאָלק. אט די שפאלטונג איז ניט געשטארבן מיט דעם רמב״ם׳ס הסתלקות. די מלחמה צווישן די צוויי כוחות איז פאַרטגעזעצט געוואָרן זער לאַנג, מעגלעך נאך מיט מער פייער און שנאה איינס צו די אַנדערע.

איידער מיר גייען ווייטער ווילן מיר דא פאַרענטפערן די קשיות וואָס מאנכע פרעגן:— ווי אזוי איז דאס מעגלעך, אז וועגן רמב״ם, וועלכער איז געווען אזוי פאַר־הייליקט ביי די גרעסטע צאָל אידן פון זיין צייט, זאָל זיך ניט האבן געשאפן א

גרויסער צאָל לעגענדעס, ווי עס האט זיך געשאַפן אויפן האר״י הקדוש, אויפן מהר״ל מפראַג, אויפן ווילנער גאון און אויף פיל אנדערע אידישע גאונים וגדולים?

ווי ווייט מיר ווייסן זיינען בלויז צוויי לעגענדעס געשאפן געווארן. איינע די וואס מיר האבן דאָ שוין דערמאנט מיט זיין ארון. די צווייטע איז פון פראָפעסאר דר. אברהם אליהו הרכבי, וועלכער ברייננט דאס אין זיינע „הערות ומלואים״ צו דער גרעץ געשיכטע, אויפן פּאַרלאַגג פון איבערזעצער הר״ר שאול פנחס ראבינאוויץ (שפר).

די פּאלקס לעגענדע דערציילט:— „די סיבה פון רמב״ם׳ס קומען קיין מצרים איז געווען, ווייל אמאָל אין יום־טוב סוכות, איז דער רמב״ם ארויס פון בית־הכנסת צו זיך אהיים, נאך דאַווענען, מיטן לולב אין האַנט, ווי דער שטייגער איז ביי ערלעכע אידן. האָט אים באַגעגענט דער הערשער פון דער שטאָט קורדאווא שמייכלענדיק און אים געפרעגט: וואָס איז מיט אייך היינט, אז איר גייט אזוי ווי אַ משוגענער? האָט אים דער רמב״ם געענטפערט: מיין האַר, הערשער! ווי איך גיי מיטן לולב איז ניט קיין משוגעת, ווארום משוגעים האָבן אַ מנהג צו וואַרפן שטיינער, אבער אונדזער מנהג איז לויט די תורה פון משה רבינו, און לויטן מנהג פון ירושלים.

דער רמב״ם איז זיין ענטפער, האָט געהאט אין זינען צו געבן דעם הערשער א באַמערקונג, וועגן די מוסעלמאנער, וואָס האָבן א יום־טוב צו גיין צום באַרג ערפה אין זייער הייליקער שטאט מעקא און ווארפן שטיינער אויף אים. דער הערשער האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען, זיך צעלאַכט און אוועקגעגאַנגען צו זיך אהיים, ניט שיינקענדיק קיין אויפמערקזאמקייט צו דעם, וואָס דער רמב״ם האָט אים געזאגט.

נאר זיינע ראטגעבער, וואס האבן ניט איבעריקס ליב געהאַט אידן און זער פיינט געהאט דעם רמב״ם, אויס קנאה צום כבוד וואס אלע גיבן אים און באזונדערס דער הערשער, האבן זיי אים דערקלערט, אז דער רמב״ם האט אפגעלאַכט פון אים און געלעסטערט פון די רעליגיע און מחמד זייער נביא, פאַר וועלכן דער מנהג איז צו וואַרפן שטיינער אויפן באַרג „ערפה״.. דער רמב״ם הייסט עס, האט זיי געמאכט פאַר משוגעים און געלעסטערט זייער אמונה.

ווען דער הערשער האָט דאס דערהערט האָט אין אים אויפגעפלאַקערט זיין כעס אויפן רמב״ם און באלד געגעבן אַ באַפעל זיינע משרתים, אז זיי זאָלן אים דער׳הרגן אָן דין און אָן משפט.

דאס האָט דער רמב״ם גלייך זיך דערוואוסט, מורא האבנדיק, אז מען וועט אים דער׳הרג׳ענען איז ער אנטלאָפן קיין מצרים. דאס איז געשען אין יאר פיר טויזנט ניין הונדערט, פיר און צוואנציק אונדזער צייט רעכענונג מבריאת העולם.

מיר האבן געבראכט די צוויי לעגענדעס וועגן רמב״ם אלס פועל יוצא פון וועלכן מיר קאָנען ארויסדרינגען צוויי פונקטן, וואָס רעפלעקטירן ארויס פון דעם רמב״ם׳ס שיטה.

עס האָט זיך ניט געקאנט שאַפן וועגן אים לעגענדעס, דאס אליהו הנביא האָט זיך צו אים אנטפלעקט, אָדער דער „מגיד״ פלעגט קומען צו אים יעדע נאכט, אדער רבי שמעון בן יוחאי האָט אים אין חלום סודות אנטדעקט. דער רמב״ם האט ניט

געגלויבט אין רוחות, און שדים, און מתים און אין חלומות. דערפֿאר האָט זיך וועגן אים געשאפֿן אזעלכע לעגענדעס, וועלכע זיינען קרוב אל השכל. אז מען וויל איז דאָ גאָר קיין ניסים ניט געווען. אַ הערשער אין מיטלאלטער איז ניט שווער געווען צו געפֿינען א פגימה אין אַ אידן, אפֿילו א געלערנטן, און אים וועלן דער׳הרג׳ענען דורך א מסירה.

די צווייטע לעגענדע וועגן ארון קאן אויך זיין, אז די האלב ווילדע בעדואינער האָבן דערשפּירט א מורא פֿאר דעם בר־מינן, וואס איז אין אים, אין ארון, און זייערע הערצער האָבן געגומען קלאַפּן, זייערע הענט האָבן גענומען ציטערן און האבן טאקע ניט געקאָנט אויפֿהויבן דעם ארון.

נאָך א וויכטיקער פונקט באגרינדעט די לעגענדע מיטן לולב און הערשער. עס איז דאָך פֿאַראַן א מיינונג, אז דער רמב״ם האָט געלעבט אין קארדאווא אונטער א מאַסקע פֿון מחמדיזם. דער כאַראַקטער פֿון דער לעגענדע לייקענט דאס אפּ. דער רמב״ם איז געגאַנגען פֿון שול מיטן לולב אין האַנט, עפֿענטלעך באוויזן, אז ער איז אַ איד, אַ גלויביקער און היט אָפּ תורת־משה. ווען ער וואָלט געלעבט אלס מחמדאנער וואָלט אַ לעגענדע וועגן אים געהאָט אַ ריח פֿון מחמדיזם.

אָפּט איז דער אינסטינקט פֿון פֿאָלק דער היסטאָרישער אויסדרוק פֿון צייט, מענטש און סביבה. מיר וועלן דאס איבערלאָזן צו דיינקער, פֿאָרשער, מיסטיקער און פסיכאָלאָגן און זיך אומקערן צו אונדזער ענין וואו מיר האַלטן..

## פֿארשטעלונגען און באגריפֿען.

אין די פֿריערדיקע קאפיטלעך האבן מיר געבראכט בקיצור דעם רמב״ם׳ס שאפֿונגען, זיינע קעגנער, זיינע פֿארערער, און די סיבות וואס האבן געפֿירט צו דער שפּאלטונג פֿון די צוויי מחנות, ווען דער רמב״ם האט נאך געלעבט, און די פֿאָלגן, די טרויעריקע פֿאלגן, וואס די מחלוקת האבן דערפֿירט.

מיר ווילן איצט דערגאנצן די מאָנאָגראפֿיע פֿון רמב״ם. מיר מיינען, אז עס איז נאך ניט ארויסגעבראכט געווארן דער גאנצער מהות פֿון דעם ריז און ניט גענוג געצייכנט געווארן דער כאַראַקטער פֿון זיינע קעגנער צו דער פֿילאזאפֿישער שיטה פֿון דעם גאון, וועגן וועלכן עס האט זיך געשאפֿן א גוואלדיק גרויסע הלכה און תורה ליטעראטור, אין יעדן דור ביז היינטיקן טאָג.

* * *

אן ערך הונדערט יאָר האָט געדויערט דער אפֿענער קאמף צווישן די צוויי לאָגערן; די חסידים פֿון רמב״ם און די מתנגדים זיינע. ס׳איז גאנץ מעגלעך, אז צווישן זיינע קעגנער האט זיך געפֿונען א קליינער פּראָצענט, וואס דעם רמב״ם׳ס ווערק האָט אין שאטן געשטעלט זייער גדולה, אבער די מערהייט פֿון די גדולים

זיינען געווען קעגנער פשוט דערפֿאר, ווייל זיי האבן ניט אויפֿגעכאפּט דאס נייאיקייט וואָס דער רמב"ם האָט אריינגעבראכט אין אידנטום מיט זיינע ווערק.

ערשטענס דאַרף א איד אַ למדן אויך לערנען די חכמות פֿון ניט אידישע גרויסע דיינקער, וואס אפֿטמאל דורך זיי קאן מען טיפֿער פֿארשטיין מאנכע מצוות, וועלכע מיר פֿארשטיין ניט, נאר מיר זאגן: דאס איז א געזעץ פֿון גאט און מען טאר ניט אריינטראכטן—פֿארוואס? צווייטענס באדארף א איד א למדן, וויסן, וואסערע דינים עס זיינען הלכה למשה מסיני, און מיר האבן דאָס בקבלה, און וועלכע דינים עס זיינען ניט בקבלה. דער רמב"ם האָט דערפֿאר אונדז אוועקגעשטעלט די „דרייצען פרינציפלס", וועלכע זיינען די גרונטלאגן פֿון אידנטום און ער האט זיי ארויסגע־דרונגען פֿון תורת־משה. דריטענס באַדאַרף א איד וויסן, אַז אין די תורה און די נביאים ווען זיי זאָגן: „גאָט'ס האַנט איז געווען אויף מיר" הייסט דאס ניט, אז גאט האט א האַנט אדער ווען עס זאגט זיך אין דער תורה ביי די לוחות „כתובים באצבע אלהים"—געשריבן מיט גאטס פֿינגער, הייסט דאס ניט, אז גאט האט א פֿינגער, אדער ווען גאט האט געזאגט ביים באשאפֿן דעם מענטשן „נעשה אדם בצלמנו כדמותו"—לאָמיר מאכן א מענטשן אין אונדזער געשטאלט און פֿאָרם, מיינט דאס ניט, אז גאָט האָט אַ פנים, אַ געשטאַלט. די וואס גלויבן אזוי פֿארמינערן גאָט'ס כוח, מאכן אים גשמיותדיק מיט אברים, ווען אין אמתן איז ער דאָך „אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף", דאס הייסט: ניט בלויז טאר מען זיך ניט פֿארשטעלן, אז גאט איז פֿון בלוט און פֿלייש, אדער פֿון פֿייער און וואסער, נאר מיר מענטשן מיט מענטשלעכע מוחות קאָנען אפֿילו קיין באגריף ניט האבן צו פֿארשטיין וואס איז גאָט.

אונדזערע אלטע חכמים, די בעלי התלמוד, האבן שוין לאנג געזאגט: „דברה תורה כלשון בני־אדם"—די תורה רעדט, אפֿטמאל, אזוי ווי געוויינלעכע מענטשן ריידן. נאר דער רמב"ם איז נאָך ווייטער געגאנגען. ער האט א נייעם תוכן אריינגע־געבן אין אזעלכע אויסדרוקן, וועלכע פערזאניפֿיצירן גאט. פֿון זיין דערקלערונג, באלד אין אנהויב פֿון זיין „מורה־נבוכים" וואס עס מיינט „צלם" און „דמות", קומט מען באלד צום באַגריף, אז מען קאָן ניט און מען טאָר ניט זיך פֿאָרשטעלן דעם רבונו של עולם אין געשטאַלט און פֿאָרם פֿון אַ מענטש.

מיר ווילן דא נאך ברענגען פֿאר די לייענער נאך אן אויסצוג פֿון רמב"ם'ס „מורה נבוכים" וואס ער דערציילט באלד פֿון אנפֿאנג אין צווייטן קאפיטל, מיר וועלן זיך באמיען דאס איבערגעבן אזוי גענוי ווי מעגלעך ווי ער זאגט:—

> „ניט לאנג צוריק האט מיר אַ געלערנטער מענטש געפֿרעגט זער אַ וויכטיקע קשיא: עס נויטיקט זיך אריינצוטראכטן אין דער קשיא און אין אונדזער ענטפֿער. נאָר איידער איך וועל דא דערמאָנען די קשיא און דעם ענטפֿער וויל איך דאָ זאָגן אטוואס: יעדער איד וויס, אז דאס ווארט „אלהים" האָט אייניקע באדייטונגען; עס מיינט אויך הערשער פֿון לענדער. דער תרגום אונקלוס פֿארטייטשט די ווערטער פֿון פסוק: „והייתם כאלהים" (דאס האָט געזאָגט דער שלאַנג צו חוה'ן ווען ער האט איר איינגערעדט צו עסן פֿון עץ־הדעת) פֿארטייטשט דער תרגום דאס ווארט „אלהים"־פרינצן. איצט לאמיר

קומען צו דער קשיא: דער פֿרעגער זאגט, דאס לויטן איינפֿאכן פשט איז פֿאר־שטאנען, דאס די ערשטע כוונה, מיטן באַשאַפֿן דעם מענטש, איז געווען, אז ער זאָל זיין ווי די אנדערע לעבעדיקע באשעפֿענישן, וואס האבן קיין שכל ניט און קיין מחשבה ניט, און דער מענטש וועט קיין אונטערשיד ניט מאַכן צווישן גוט און שלעכט. נאָר ווען ער האט ניט געפֿאלגט וואס גאָט האט אים אנגע־זאָגט, האט זיין ניט פֿאָלגן אים געבראכט דאס גרויסע פֿאלקאמענהייט וואס ער האט דאס פֿריער ניט געהאט — דעם שכל. דאס קאן מיינען, אז פֿאר ניט פֿאלגען ווערט מען באלוינט. איצט הערט אונדזער ענטפֿער: דו (דער פֿרעגער) ביזט א מענטש וואָס האָט איבערפֿלעכלעך געלערנט, דו מיינסט, אז דו קאָנסט פֿארשטיין דעם ספר הספרים, וואס איז געווען דער וועגווייזער אין דער פֿארגאַנגענהייט און איז דער וועגוויזער פֿון דער צוקונפֿט, ווען דו גיסט א קוק אין דעם אינהאָלט אין א מאָמענט נאכן עסן און טרינקן, אַזוי ווי דו וואָלסט לייענען א היסטאריע ביכל אדער פאעזיע. נעם זיך אין אַכט און פֿארשטיי, אַז די זאַך איז ניט אזוי ווי דו האָסט פֿריער גערעכענט, נאָר ווי דו וועסט אויסגעפֿינען נאָך א טיפֿער באַטראכטונג, נעמלעך: דעם שכל וואָס גאט האט באשאנקן דעם מענטשן האט ער אין אדם׳ן אריינגעגעבן נאָך איידער ער האט געזינדיקט מיט ניט פֿאָלגן. אין שייכות מיט דער טייער מתנה זאגט אונדז די תורה, אז אדם איז באַשאַפֿן געוואָרן „בצלם אלהים", פֿאר זיינעט וועגן האָט גאָט גערעדט מיט אים און אים פֿאַרזאָגט, ווי דער פסוק זאָגט: „ויצו ה׳ אלהים"—און גאט אלמעכטיקער האָט אים פֿארזאגט. מען קאן ניט פֿאר־זאָגן א בהמה און מען קאָן ניט פֿאַרזאָגן אימיצן וואָס האָט ניט קיין שכל. און מיט שכל אונטערשייד דער מענטש צווישן אמת און שקר. דאס האט אדם פֿאלקאם געהאט.

(דאָ גיט דער רמב״ם צו פֿארשטיין ווען עס פּאַסט צו זאָגען „שיין און מיאוס", „גוט און שלעכט" „אמת און שקר" און וויזט אויף דעם קשיא־פֿרעגער, אז ער פֿארשטייט ניט).

אויף זעבארע זאַכן זיינען „אדזשעקטיוון" (דעם „שם התואר" וואס מען רופֿט אין העברעאיש) „שיין" אדער „מיאוס". דאס האט ניט צו טאן מיטן אינטעלעקט. מען וועט ניט זאָגן אויפֿן הימל וואס איז האלב רונדיק, שיין. מען וועט אויך ניט זאָגן אויף די ערד וואס איז פֿלעט, מיאוס. (די אסטראָנאָ־מער, אין זיין צייט, האָבן נאָך געהאלטן, אז די ערד איז פֿלעט). נאָר מען וועט זאגן: אמת אדער שקר. אויף וואס עס איז שיין אדער מיאוס וועט מען זאגן: גוט אדער שלעכט, מיטן שכל וויס מען אויף שכלדיקע אנגעלעגענהייטן צי זיי זיינען אמת אדער שקר. אבער אויף זעבאָרע אנגעלעגנהייטן, קאן מען ניט זאגן ס׳איז אדער ס׳איז ניט שקר, מען קאן זאגן דאס איז שיין און יענעס איז מיאוס, אדער דאס איז גוט און דאס איז שלעכט.

אדם איז באשאפֿן געווארן מיט פֿאלקאמע אינטעלעקטועלע אייגנשאפֿטן, מיט די העכסטע חושים פֿון שכל און גייסט. ווי דער פסוק זאגט: „ותחסרהו

מעט מאלהים״—האָסט דעם מענטשן באַשאַפֿן עטוואָס ווייניקער פֿון געטלעכ־קייט. אדם מיט זיינע הויכע געטלעכע געדאנקן האָט פֿאר קיין אופֿן ניט געקאָנט באַגרייפֿן זעבאַרע סובסטאנצן. ניט ער האָט געטראכט און ניט ער האָט באַגריפֿן, אַז ארומצוגיין נאקעט איז מיאוס. זיין שכל און זיינע געדאנקן האָבן זיך פֿארנומען אין הימעלשע, אינטעלעקטועלע און רוחניותדיקע וועגן. ווען אָבער ער האָט געזינדיקט, נאכגעגעבן זיינע קערפּערלעכע באַגערן און פֿאַרגעניגען, זיינע גשמיותדיקע גלוסטן, ווי דער פּסוק זאָגט: „כי טוב העץ למאכל וכי תאוה הוא לעינים״—די ווייב זיינע חוה האָט דערזען, אַז דער בוים איז גוט צו עסן און די אויגן גלוסטן. דאָס האָט שוין געמאכט נידעריק זיין הויכן געטלעכן שכל. דאָס האָט אים געפֿירט ניט צו פֿאָלגן וואָס גאָט האָט אים באַפֿעלן, ער איז דאַדורך אַרונטערגעפֿאַלן פֿון זיינע הויכקייט און דערזען דאָס זעבאַרע, דאָס ערדישע, ווי צו זאָגן, און גענומען פֿאַרשטיין וואָס ער האָט פֿאַרלוירן און אין וואָס פֿאַר אַ באַשטאַנד ער איז געבליבן. וידעו עירמים הם—זיי האָבן געוואוסט אַז זיי זיינען נאַקעט.

און דאָס איז וואָס דער שלאַנג האָט געזאָגט צו חוה׳ן: „והייתם כאלהים יודעי טוב ורע״, ער האָט ניט געזאָגט „יודעי שקר ואמת״, איר וועט באַגרייפֿן וואָס איז שקר און וואָס עס איז אמת. חוה האָט שוין משיג געווען און פֿאַרשטאַנען דאָס זעבאַרע דאָס עפּענטלעכע איז ניט שייך צו זאָגן שקר אָדער אמת, נאָר „גוט אָדער שלעכט״.

דאָס איז—זאָגט דער רמב״ם—וואָס דער פּסוק זאָגט: „ותפקחנה עיני שניהם וידעו כי ערומים הם״ — זייערע אויגן האָבן זיך געעפֿענט און זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען נאַקעט. עס שטייט ניט „ותפקחנה עיני שניהם ויראו. זיי האָבן דערזען, נאָר „וידעו״ זיי האָבן געוואוסט, וואָס זיי האָבן פֿריער געזען האָבן זיי דאָס איצט אויך געזען. ס׳איז קיין בלענדעניש ניט אָפּגעטאָן געוואָרן פֿון זייערע אויגן, נאָר זיי איז באַנייט געוואָרן אַן אַנדער ענין, וואָס פֿריער פֿאַר די זינד איז ניט מיאוס געווען איז איצט נאָך די זינד מיאוס געווען ארומצוגיין נאַקעט.

דאָס „ותפקחנה״ מיינט ניט זען נאָר אַנטפּלעקונג פֿון וויסן, אַזוי ווי מיר געפֿינען ביי הגר׳ן:— „ויפקח אלהים את עיניה״ דאָס מיינט, אַז אלהים האָט אַנטפּלעקט פֿאַר הגר׳ן, אַז דאָרט אַביסל ווייטער, איז פֿאַראַן אַ ברונעם אַנצו־טרינקען איר זון ישמעאל.

און אַזוי ברענגט דער רמב״ם אַנדערע פּסוקים וואו עס שטייט דאָס וואָרט פּקח, וואָס ווייזט קלאָר, אַז דאָס מיינט וויסן, אַנטפּלעקונג און ניט זען. און מיט דערקלערונג האָט דער רמב״ם פֿאַרענטפֿערט די קשיא וואָס מען האָט אים געפֿרעגט.

מיר האָבן דעם אויסצוג פֿון „מורה נבוכים״ געבראַכט, כדי אויפֿצעווייזן, דאָס דער רמב״ם האָט אויסגעטראַטן דעם וועג פֿאַר אונדז, באַזונדערס פֿאַר די גראַמאַטי־קער און פֿאַרשער פֿון תנ״ך צו פֿאַרשטיין דעם ריכטיקן טייטש־וואָרט, די פֿאַר־

שידענע מיינונגען וואס מאנכע ווערטער האבן, שטודירענדיק דעם רמב״ם׳ס שיטה און האלטן זיך ביי דעם, קאן מען געניער און אמת׳ער פארשטיין אונדזער תורה.

מען זאגט, אז דער ווילנער גאון, וואס האט קיין איין ספר ניט איבערגעלאזן, וואס ער זאל האבן ניט געלערנט, האט צו דער עלטער גענומען לערנען חומש מיט רש״י. משמעות, אז אונדזער תורה איז ניט אזוי פשוט, ווי די בעלי מחלוקת פון רמב״ם האבן געמיינט. הגם צווישן זיינע קעגנער זיינען געווען גרויסע לומדים, צדיקים און חסידים, האבן זיי דאך פארגעסן א מאמר אין דער גמרא קדושין: „המתרגם פסוק כצורתו הרי זה בדאי״—דער וואס פארטייטשט א פסוק אין דער תורה איינפאך ווערטערלעך איז ער א ליגנער, ווייל מען דארף וויסן, אז „יד־ה״ מיינט ניט גאט׳ס האנט, אדער „עיני—ה״ מיינט ניט גאט׳ס אויגן. מען טאר גאט ניט פארקערפערן.—אין לו גוף!

## פארשטענדנים פון תורה-ווערטער.

מיר ווילן, איידער מיר ווען צוקומען צום רמב״ם׳ס שאפונגען און אייניקע וויכטיקע פארטיידיקער זיינע, וועלן מיר ציטירן נאך איינעם א קאפיטל פון „מורה נבוכים״, אין וועלכן ער ווייזט אויף, אז ווערטער אין דער תורה און די נביאים, באדארפן ניט פארטייטשט ווערן פשוט, אזוי ווי זיינע קעגנער האבן עס פארשטאנען, באטירלעך פאדערט זיך פון דעם לייענער געדולט, און ניט לייענען דאס ווי מען לייענט א ראמאן. דאס האט געזאגט דער רמב״ם צו זיין קשיא־פרעגער, און דאס איז וואס מיר ברייננגען דא אלס ביישפיל:—

די דריי לשון־קודשדיקע ווערטער: ראה, הבט, חזה—מיינט זען מיט די אויגען. אבער זיי מיינען אויך באגרייפן מיטן שכל. דער ערשטער מיינונג זען מיט די אויגן איז באוואוסט צו יעדערן, ווי מיר געפינען ביי יעקב׳ן: „וירא והנה באר בשדה״—ער האט דערזען, אז אין פעלד איז א ברונעם... דאס מיינט זען מיט די אויגען. ווען שלמה המלך זאגט אין קהלת: „ולבי ראה הרבה חכמה ודעת״—מיין הארץ האט געזען פיל קלוגשאפט און וויסנשאפט, דאס מיינט שוין „ער האט באגריפן״, דאס מיינט ניט מיט די אויגן האט ער דאס געזען, נאר מיטן שכל.

דערפאר איז פארשטאנען, אז דאס לשון „ראיה״ זען וואס קומט אין שייכות מיט השם יתברך, אזוי ווי ביי דעם נביא מיכיהו ריידענדיק צום קעניג פון ישראל יהושפט, האט געזאגט: „ראיתי את ה׳ יושב על כסאו״—איך האב געזען גאט זיצנדיק אויף זיין שטול—אדער ווי מיר געפינען ביי אברהם: „וירא אליו ה״—גאט האט זיך באוויזן צו אים. אדער ווי עס שטייט אין דער פרשה בראשית: „וירא אלהים כי טוב—גאט האט געזען, אז זיין באשאף איז גוט. אדער ווי מיר געפינען ביי משה׳ן דאס ער בעט זיך ביי גאט: — „הראני נא את כבודך״—באווייז מיר דיין כבוד, אדער ווי עס שטייט ביי די זקני־ישראל אין דער פרשה משפטים: „ויראו את אלהי ישראל, ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר וכעצם השמים לטהר״.— און זיי האבן געזען דעם

גאָט פֿון ישראל; און אונטער זיינע פֿיס איז געווען אזוי ווי א פֿלאַסטער ווערק פֿון סאפירן שטיין, און אזוי ווי דער הימלאליין אין לויטערקייט. אט די אלע פֿאַלן פֿון „זען" מיינט באגרייפֿן מיטן שכל ניט מיט די אויגן, ווי עס ווערט פשוט פֿאַר־שטאנען (און אזוי ווי עס האָבן פֿארשטאנען פֿיל פֿון רמב״ם׳ס קעגנער) ווארום דאס אויג קאָן נאָר באמערקן אַ קערפערלעכן קעגנשטאנד, אדער קאלירן, דאס איז איין זאַך, און דאָס צווייטע איז: דאס גאט׳ס באגריפֿן און זעאונגן זיינען ניט מיט קער־פּערלעכע גלידער.

אזוי ווי עס איז פֿארשטאנען „ראה" איז אויך פֿאַרשטאנען „הבט". הביט מיינט, ער האט געקוקט. ביי דעם מלאך וואס איז געקומען ראַטעווען לוט׳ן פֿון סדום, האָט ער צו אים געזאגט: „המלט על נפשך, אל תביט מאחריך"—אנטלויף מיט דיין לעבן, זאָלסט זיך ניט אומקוקן הינטער דיר. נאָר לוט׳ס ווייב האט יא זיך אומגעקוקט, ווי עס שטייט: „ותביט מאחריה". די ביישפילן מיינט זען, קוקן מיט די אויגן, אבער דאָס וואָס מיר געפֿינען ביי ישעיהו הנביא:— „ונבט לארץ והנה—חשך" ווען אימיצער וועט א קוק טאָן אויפֿן לאַנד—עס איז א פֿינצטערניש, דאס מיינט שוין זען מיטן שכל, מיט באטראכטונג און פֿארשטענדניס. אין דעם זין איז פֿארשטאנען דער פסוק: „לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל"—מען זעט ניט קיין אומרעכט אין יעקב, און מען מערקט ניט קיין עוולה אין ישראל", דאס האט געזאגט בלעם, און דאס מיינט אויך מיטן שכל. מען קאָן קיין „אומרעכט" ניט זען מיט די אויגן, נאר בלויז מיטן שכל און פֿארשטאַנד, אזוי אויך דער פסוק: „והביטו אחרי משה עד באו האהלה"—דאָס גאַנצע פֿאָלק האט נאכגעקוקט משה׳ן ביז ער גייט אריין אין געצעלט. דער „והביטו" — זיי האבן נאכגעקוקט, מיינט פשוט מיט די אויגן, נאר אונדזערע חכמים זאָגן, אז דאס מיינט, אז די אידן האבן נאכגעקוקט זיינע וועגן, זיי האבן עקזאמינירט און קריטיקירט זיינע מעשים און דאָס וואָס ער האט זיי געזאגט.

אין דער מעשה מיט מרים און אהרון, וועןביידע האבן בארעדט משה׳ן, פֿאַר־וואָס ער האט גענומען די כושישער ווייב, און השם יתברך האָט פלוצלונג געזאגט צו זיי, אז זיי זאלען אלע דריי, משה, אהרון און מרים, ארויסגיין צום אוהל־מועד, האט גאט זיי געזאגט: „הערט אקאָרשט צו מיינע ווערטער, אז א נביא איז דא ביי אייך טו, איך, גאט, אין א זעאונג זיך דערקענען צו אים, אין א חלום רייד איך מיט אים, ניט אזוי מיין קנעכט משה, אין מיין גאנצן הויז איז ער באגלויבט, מויל צו מויל רעד איך מיט אים, און ביי זעאונגען און ניט מיט רעטענישן, „ותמונת ה׳ יביט"— און די געשטאַלט פֿון גאָט קוקט ער אָן". דאס מיינט אלץ ניט מיט די אויגען נאָר מיטן געדאַנק מיט נבואה. דאס זעלבע איז „חזה" זען: וואס ווערט פֿארטייטשט צו זען מיט די אויגן און צו זען מיט פֿארשטאנד מיטן שכל: „ותחז בציון עינינו" מיינט זען מיט די אויגן, און עס מיינט אויך באגרייפֿן מיטן האַרץ, למשל: „חזון ישעיהו, אשר חזה על יהודה וירושלים"—דאס זעאונג פֿון ישעיהו הנביא וואס ער האט געזען אויף יהודה און ירושלים, אדער „היה דבר ד׳ אל אברהם במחזה"—מיינט ניט מיט די אויגן באָר וויזיע. אויך דער פסוק: „ואל אצילי בני ישראל לא שלח ידו, ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו".—און אויף די אדעלייט פֿון די קינדער פֿון ישראל, האָט ער ניט

אויסגעשטרעקט זיין האנט; און זיי האבן געזען גאָט און האבן געגעסן און געטרונקן.

אָט די אַלע לשונות פון ראה, הבט און חזה זאָגט דער רמב״ם, אז אפּטמאל מיינט עס זען מיט די אויגן און אפּטמאל מיינט דאס זען אין שכל. ער אַנאַליזירט מיט טיפער לאָגיק און אמת די ווערטער און זאַצן וואס באציען זיך צו השם יתברך, און מיט קריסטאַל קלארקייט ווייזט ער אויף אין די ווערטער פון דער תורה, אז ביי גאָט איז ניט שייך צו זאגען, אז ער זעט מיט זיינע אויגן, אדער ער רעדט מיט זיין מויל און ער האָט הענט און פיס. מען טאָר אזוי ניט גלויבן.

# דאס ריינע ליכט פון אונדזער תורה

מיר וועלן דא ציטירן נאָך איינינקע ציטאַטן פון רמב״ם און זיך באמיען איבער־צוגעבן וואָרט אין וואָרט ווי ער, דער חכם און פילאזאף, זאָגט עס אין ספר „המדע״ דער ערשטער טייל פון זיין „יד־החזקה״, אין פינפטן פרק פון „הלכות תשובה״. איר וועט זיך דאַן פאַסן א גרונטלעכערן באַגריף פארוואָס ער האט זיך זיינע פילאזאפישע געדאַנקן.

נאר קודם כל וויל איך דא דערמאָנען א קורצע פראַזע פון א חכם וועלכער האט אין עטלעכע ווערטער אויסגעדריקט דעם גאַנצן מהות פון רמב״ם און פון זיינע ווערק:—

„דער רמב״ם האָט פארפילאָזאָפירט דעם תלמוד און פארתלמודירט די פילאזא־פיע״. דאס איז א קורצער שניידענדער און אמת׳ער געדאַנק אין דער אפשאצונג פון דעם עכטן אידישן גאון, וואס האט געוואָגט צו עפענען די אויגן פון פאלק ישראל, אַז עס זאָל דערזען דעם אמתן „אור הגנוז״, דאס ריינע שיין פון אונדזער תורה. דער רמב״ם זאָגט:

„יעדן מענטשן איז געגעבן געוואָרן רשות פון ווילן. אויב ער וויל גיין אין א גוטן וועג און זיין א צדיק איז דאס אין זיין רשות. אויב ער וויל גיין אין אַ שלעכטן וועג איז אויך אין זיין רשות. דאס איז וואס אין דער תורה, איז געשריבן: „הן האדם היה כאחד ממנו לדעת טוב ורע״, דאס מיינט: דאס דער מין מענטש איז איינער אין דער וועלט, און עס איז נישטאָ זיין גלייכן אין באצוג צו דעם, דאס ער אליין, אין זיינע געדאַנקן און דעה וויס דאס גוטע און דאָס שלעכטע און טוט וואָס ער וויל. עס איז נישטאָ ווער עס זאל אים אָפּהאלטן פון טאָן גוטעס אדער שלעכטעס.

איר זאָלט נישט צולאָזן דעם געדאַנק דאס, וואס די נאַרישע פון די פעלקער און אויך די גולם׳ס פון די אידן זאָגען, אז גאט ברוך הוא איז גוזר אויפן מענטשן, גלייך ווי ער ווערט געבוירן, צו זיין א צדיק אדער אַ רשע. דאָס איז ניט אזוי, נאר יעדער מענטש קאָן זיין א צדיק ווי משה רבינו, אדער א רשע ווי ירבעם, ער קאָן זיין א חכם אדער א נאַר, ער קאָן זיין א בעל־רחמים אָדער א שלעכטער, א קאַרגער אדער נאבל. אזוי אין אנדערע אייגנשאפטן. ער האָט ניט ווער עס זאל אים נויטן, צווינגן און אימיצער וואס זאָל גוזר זיין אויף אים און ציען צו איינע פון די וועגן, נאר ער אליין מיט זיין אייגענער מיינונג און פאַרשטאנד, קאָן זיך ווענדן צו וועלכן וועג ער וויל, דאס איז וואָס

ירמיהו הנביא האט געזאגט: מפי עליון לא תצא הרעות והטוב (איכה ג׳) אַז דער בורא איז ניט גוזר אויפֿן מענטשן צו זיין גוט אדער שלעכט, און וויבאלד עס איז אזוי, האט דער זינדיקער זיך אליין שאדן געבראכט״.

היינט שטעלט איך פֿאַר אן אמאָליקן עקסטרעמען רעליגיעזן אידן, נאָך אַ גרויסער תלמיד־חכם, וואס איז קלאָר אין ש״ס און פוסקים, און דערזעט אין „ספר המדע״, אז דער רמב״ם זאָגט, דאס דער רבונו של עולם איז גארניט גוזר אויפֿן מענטש ווי ער זאל זיין. אַזאַ איד כאַפּט באלד די גמרא „חולין״ און גיט א בלעטער, מיט כעס, דעם דף צ״ז און מיטן פֿינגער פֿון האנט טייטלט ער שרייענדיק און בייזערדיק זיך: סטייטש! אָט זאָגט דאָך די גמרא בפירוש: „אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה״. דאס הייסט: אז א מענטש קלאַפּט זיך ניט אָפּ א פֿינגער דאָ אויף דער ערד, ווען עס איז ניט אויסגערופֿן געוואָרן פֿון הימעל, אז ער זאל זיך אָפּקלאַפּן דעם פֿינגער.. ווי אַזוי קאָן דער רמב״ם אָפּלייקענען א בפירושע גמרא?! ביי אַזאַ אידן איז עס אפיקורסות, און מען טאר אַזאַ געדאַנק ניט פֿארשווייגן.

און דער מענטש איז ניט איינער געווען וואס איז קלאר ש״ס און פוסקים, נאך אַנדערע, פֿיל אַנדערע זיינען אויך געווען אַזעלכע לומדים, וואס האבן געוואוסט דעם מאמר אין דער גמרא חולין, און האבן אויך מיט רוגזה געשריען דעם „סטייטש״, ווי וואַגט דאָס אָט דער משה בן מיימון אזוי צו זאָגען? איז דען א חידוש, וואס עס האָט זיך אנטוויקעלט א גרופע, וועלכע איז ארויסגעטראָטן קעגן רמב״ם מיט זלזולים און באליידיקונג?

פֿון כעס און צאָרן האבן זיי שוין ניט געוואָלט א קוק טאָן, וואָס דער רמב״ם זאָגט אביסל ווייטער:—

„ווען גאָט וואָלט גוזר געווען אויף דעם מענטש צו זיין א צדיק אדער א רשע, איז ווי אזוי וואָלט גאט אונדז פֿארזאגט דורך די נביאים צו טאָן אזוי און ניט אַנדערש? ווי אזוי וואָלטן אונדז די נביאים געהייסן „הטיבו דרכיכם״, מיר זאָלן ניט גיין אין די שלעכטע וועגן, אז באלד ווי מיר זיינען באשאַפֿן געוואָרן איז אויף אונדז נגזר געוואָרן ווי צו זיין? וואס פֿאַראַ פלאץ וואָלט דאַן געהאט אונדזער גאנצע תורה? און מיט וואָס פֿאר אַ משפט וואָלט מען געקאָנט באַ־שטראָפֿן די רשעים און שכר געבן די צדיקים, אז עס איז אויף זיי נגזר געוואָרן צו זיין גוט אדער שלעכט? „השופט כל הארץ לא יעשה משפט״—גאט וואס איז דער ריכטער פֿון דער גאנצער וועלט וועט דען קיין גערעכטיקייט נישט טאן״?

וואס, אלזאָ, האבן די קעגנער געקאנט זאגן אויף דער פֿראגע פֿון רמב״ם? זיי האבן ניט בערירט דעם כבוד פֿון רבי עקיבא׳ן, וואס האט געזאגט: „הכל צפוי והרשות נתונה״, דער מענטש האט די ברירה צו זיין גוט אדער שלעכט, און מסתם האט רבי עקיבא אויך געזען דעם מאמר אין דער גמרא חולין... מעגלעך, דאס ווען רבי עקיבא וואלט געלעבט אין רמב״ם׳ס צייט וואלטן זיי אים אויך אזוי באהאנדעלט ווי דעם רמב״ם נאר ווי עס שיינט, האט זיך דער רמב״ם ניט געקימערט פֿאר די אייניקע קעגנער פֿון זיין צייט, ווען ער האט געלעבט און האָט זיך אויך ניט געקימערט פֿאר זיינע מער קעגנער נאכדעם ווען ער וועט שוין זיין אויפֿן עולם האמת. אים איז טייער און הייליק

:עווען דער אמת פֿון אונדזער תורה אויף דער וועלט. זיין גאנצער וואונטש, באַגער און
וילן איז געווען, אז די תורה זאל אמת פֿארשטאנען ווערן. דאס האט ער ארויסגעדרונגען
פֿון זיין „ספר־המדע„, פֿון זיינע „שמונה פרקים להרמב״ם״ און פֿון „מורה־נבוכים״ אָן
מורא און אָן קימערן זיך וואס מען וועט זאגן וועגן אים. ער ציט דעם פֿאדים פֿון זיינע
געדאנקען און מיינונג, און דרינגט עס ארויס פֿון די פסוקים אין תורה, נביאים און
כתובים, אז השם יתברך איז ניט גוזר אויפֿן מענטש צו זיין גוט אדער שלעכט און זאגט
ווייטער אין זיין פרק „הלכות תשובה״:—

„און טאמער זאגסטו (פֿרעגסטו) דער רבונו של עולם ווייס דאך אלץ וואס עס וועט זיין און נאָך פֿריער איידער עס וועט זיין ווייס ער, אז אט דער וועט זיין א צדיק אדער א רשע, אדער ווייס ער ניט? אויב ער ווייס, אז דער וועט זיין אַ צדיק, איז דאך שוין אונמעגלעך, אז ער זאל ניט זיין קיין צדיק, נאר אויב דו ווייסט זאָגן, אז דער רבונו של עולם ווייס, דאס עס קאן זיין, אז ער קאָן זיין א רשע. הייסט דאך דאס, אז גאָט ווייס ניט קלאר די זאַך.

זאָלסטו וויסן (זאגט דער רמב״ם) אז דער ענטפֿער אויף דער פֿראגע איז לייגגער ווי די ערד און טיפֿער פֿון דעם ים, גרויסע פרינציפּן און גאנצע בערג מיט מיינונגען רעדט זיך וועגן דעם, נאר דו באַדאַרפֿסט וויסן און פֿארשטיין דעם ענין, וואס איך האב שוין דערקלערט אין צווייטן פרק פֿון די דינים יסודי־התורה, דאס גאָטס וויסן איז ניט אויסערהאלב אים, ניט אזוי ווי די מענטשן, וואס זיי און זייער וויסן איז צוויי. דער השם יתברך און זיין וויסן איז איינס, און דאס קאן דער מענטש ניט באגרייפֿן, ווארום אזוי ווי א מענטש קאן ניט זען גאָט, ווי דער פסוק זאגט: „כי לא יראני האדם וחי״ א מענטש קאָן מיר ניט זען און לעבן בלייבן. אזוי אויך קאן דער מענטש ניט משיג זיין און אויס־געפֿינען גאטס וויסן. דאס איז וואס דער נביא זאגט (אין גאטס נאמען) „כי לא מחשבותי מחשבותיכם, ולא דרכיכם דרכי״—ניט אזוי ווי איך טראכט — טראכט איר, און ניט אזוי ווי איירע וועגן—זיינען מיינע וועגן. וויבאלד מיר האבן ניט דעם כוח צו וויסן ווי אזוי גאָט ווייס אלע באשעפֿענישן און זייערע מעשים, ווייסן מיר אבער, אז דעם מענטשענס מעשים זיינען ביי אים אין האנט, און דער השם יתברך ציט אים ניט און איז ניט גוזר אויף אים, אז ער זאָל טאָן אזוי אדער אנדערש״.

אָט וועגען דער דערקלערונג פֿון רמב״ם איז ארויסגעטראטן זיין שארפֿסטער קעגנער, דער ראב״ד און זאגט:

„דער מחבר (דער רמב״ם) האט זיך ניט אויפֿגעפֿירט ווי עס פֿירן זיך אויף די חכמים, ווארום קיין מענטש הויבט ניט אָן א זאך, אז ער זאל ניט וויסן די זאַך צו ענדיקן. ער (דער רמב״ם) האט אנגעהויבן דערקלערן דעם ענין מיט שאלות און קשיות און געבליבן ביי דער קשיא. דאס הייסט, אז מען באדארף האבן אמונה אין גאט. וואלט דען ניט געווען בעסער, אז ער זאל האבן איבערגעלאזן דעם ענין צו נאַאיווע, אומשולדיקע וואס גלויבן און פֿרעגן קיין קשיות ניט, און ניט אויפֿוועקען זייערע הערצער און לאזן זיי אין ספיקות און קאנען אפטמאל מאכן אַ טעות. הגם עס איז

נישטא קיין פאזיטיווער ענטפער, קאן מען דאך ענטפערן און זאָגן; אויב דאס גוטסקייט און שלעכטסקייט פון מענטשן וואלט געווען אפהיינגיק פון גאט׳ס גזירה, דאן קאן מען זאָגן, אז דאס וואס גאט ווייס פריער איז דאס די גזירה פון גאט און דאן איז עס טאקע זער א הארבע פראָגע, אבער איצט, אז דער בורא האט פון זיך ארונטערגענומען די ממשלה, און האָט דאס אין גאנצן איבערגעגעבן אין די הענט פון מענטשן אליין, הייסט דאס ניט, אז דאס וואס גאָט ווייס פריער איז דאס א גזירה, נאר דאס וויסן איז אזוי ווי דאס וויסן פון די שטערנזעער, וואָס קומט פון אַן אַנדער כוח. זיי וויסן וואס עס וועט טרעפן מיטן מענטש. און דאָס איז דאך ידוע, אז יעדע געשעעניש, גרויס אָדער קליין, האָט גאָט איבערגעגעבן אין דעם כוח פון די „מזלות״, נאר דעם מענטשן האָט ער געגעבן שכל און קראַפט ארויסצונעמען זיך פון די מזלות, דאס איז דער כוח פון מענטשן צו קאנען זיין גוט אדער שלעכט, און גאט ווייס דעם כוח פון דעם מזל און דעם כוח פון מענטש, אויב ער וועט קאָנען זיך ארויסנעמען פון מזל׳ס הענט אדער ניט. דאס וויסן פון בורא איז ניט קיין גזירה״.

מיר האבן דאָס ספעציעל געבראכט די השגה פון דעם גרויסן גאון, דער ראב״ד, אז דער אינטעליגענטער לייענער זאל אליין אורטיילן ועמעס דערקלערונג אין דער פראגע איז לאָגישער. צי דעם רמב״ם׳ס אדער דעם ראב״ד׳ס. אמת, דער רמב״ם גיט אויך ניט קיין געזונטן פאזיטיוועז ענטפער אויף דער פראגע, אבער ער זאגט דאך אונדז, ווייניקסטענס, אז מיר ערדישע מענטשן קאָנען ניט באגרייפן גאטס דיינקן און זיינע מחשבות. אבער דער ראב״ד וויל אין דער פראגע ארייגברייגגען די מזלות, די פלאַנעטן וועמען גאט האָט איבערגעגעבן דעם מענטש אין זייער כוח, דוכט זיך, אז עס איז לאגישער צו גלויבן, דאס מיר פארשטיין ניט גאטס מחשבות און זיינע וועגן, איידער צו גלויבן אין כוח פון די מזלות. ס׳קאָן דערפאר זיין, אז אויך אין מאנכע הלכות און פסק־דינים מיט וועלכע דער ראב״ד איז ניט איינשטימיק מיטן רמב״ם איז ער אויך ניט אלע מאָל גערעכט.

נאָר דאס לאמיר איבערלאָזן צו לומדים און אויטאריטעטן. ס׳איז ניט מיין פאָך און עס איז ניט דער פלאץ אין אַ פאָלקסטימלעכע מאנאָגראַפיע, אין וועלכע מען באַדאַרף אויסמיידן טיפע און פאַרפלאָנטערטע פראָבלעמען. מיר האבן דא נאר געוואָלט ברייגגען דעם רמב״ם׳ס מיינונג, וואס האט צוגעגעבן מער פייער צו זיינע קעגנער.

מיר וועלן דערפאר ברייגגען א קיצור פון א בריף, וואס דער גאון רמב״ן (ר׳ משה בן נחמן) האט געשריבן צו די חכמים פון פראנקרייך, די קעגנער פון רמב״ם, מיט דער כונה צו שאפן א שלום צווישן די צוויי צדדים.

צום אלעמערשטן דריקט דער רמב״ן אויס זיין פאַרדרוס אויף די רבנים פון פראנקרייך פארוואָס זיי האבן ארייגעלייגט אין חרם יעדערן וואָס וועט לערנען דעם „מורה־נבוכים״ און דעם „ספר המדע״, פארוואס האט איר ניט אפגעגעבן כבוד צו דעם גרויסן רב, וואס האט אויפגעבויט א הערלעכן פעסטונג אין תלמוד פאר גאט און פאר דעם אמת. צי דען האָט דער רמב״ם פאַר אייך פאַרפאַסט דעם מורה־נבוכים, איר וואס איר זייט אין שוים פון אמונה? ניט פאר אייך, נאר פאר די וואָס זאגן, אז עס איז נישטא קיין טעם פאר טאן עבירות און קיין ריח צו טאָן מצוות. פאר זיי איז אט

דער רב געצוואונגען געווען אויפצובויען אַזאַ ספר, כדי מען זאל אנטלויפן פון די גריכישע פילאזאפן, און זיך דערוויטערן פון אריסטאטעל און גאלינוס. ווי אזוי האט איר געוואַגט ארויסריידן א שלעכט וואָרט קעגן דעם הייליקן רב, וואָס אזעלכער ווי ער איז נאך ניט געווען אין פראַנקרייך און אין שפּאניען? זיין לערע איז קלאר און ריין, ער ווייס אלע חכמות. און אויב אייניקע וועלן זיך צוליב אייער גזירה דערווייטערן פון „מורה נבוכים", וואס זאָגט איר אבער וועגן „ספר־המדע", וואס איז דער שליסל צו די ספרים פון רמב"ם אויפן תלמוד. אין אַלע ווערק פון די גאונים, די ערשטע און די לעצטע, געפינען מיר ניט דאס נויטיקע און דערקלערטע ווי די וואס דער רמב"ם האָט אין זיין ספר המדע. עס איז אויך זער ניט ריכטיק פון אייך וואס איר האָט אים געמאכט פאר לייקענען אין גאָט, ווארום דאס וואָס ער זאָגט וועגן גיהנום איז ער איינ־שטימיק מיט די בעלי־המשנה. דעם ספר־המדע האט שוין אויך געזען דער גאון ראב"ד (ר' אברהם בר' דוד), און ער האט ניט געזאגט, אז מען דארף עס מחרים זיין, ער האט אויך ניט געזאגט, אז עס געפינט זיך אין דעם ספר אפיקורסות. איר האט אים געכאפּט פאַרוואָס ער זאָגט, אז ס'איז אין הימעל נישטאָ קיין געשטאַלט און קיין פאָרם, אבער דאס געפינען מיר דאָך אויך אין דער תורה, אין די נביאים און אין מדרשים. דאס זעלבע זאגט דאך דער חסיד און בעל־קבלה רבי אליעזר בן יהודה פון גארמיזא, און דאָס וואָס די תורה זאָגט: „נעשה אדם בצלמנו כדמותנו" מיינט עס דאך ניט, אז גאָט האט א געשטאַלט און פאָרם, נאר דאס איז אונדזער מענטשלעכע פאַרשטעלונג.

און דער רמב"ן ענדיקט זיין בריף, אז דער חרם אויפן רמב"ם'ס ספרים זאל באלד ארונטערגענומען ווערן מיט די שאַלונג פון שופר, ווארום דער וואס שיידט זיך אָפּ פון רמב"ם'ס ספרים איז ווי ער וואלט זיך אפּגעשיידט פון לעבן.

דער בריף פון רמב"ן וועגן רמב"ם איז א העכסט וויכטיקער היסטארישער דאקו־מענט, פון וועלכן מיר באַגרייפן יענע תקופה פון דער פייערדיקע מחלוקה, און מיר געפינען א טרייסט אין דעם אז עס האבן זיך געפונען אַזעלכע אמתע גרויסע גאונים ווי דער רמב"ן, וואס טראָץ די מיינונגס פאַרשידענהייט אין געוויסע פילאזאפישע אידעען, האט ער זיך מיט דער גרעסטער ליבשאַפט און כבוד באצויגן צום רמב"ם'ס געניאלע וויסנשאפט און דערקלערט, אז שיידן זיך פון רמב"ם'ס תורה־ספרים איז ווי געשיידט זיך מיטן לעבן.

## אן אונפאַרשטענדלעכער דור

וואס מער מען קוקט אריין אין רמב"ם'ס ספרים, אלץ ווייניקער פאַרשטייט מען זיינע קעגנער. און וואס מער מען בלעטערט די געשיכטע פון יענער עפּאָכע, אלץ ווייניקער סימפּאטיזירט מען מיט יענע גדולי־התורה, וואס זייער קעגנערשאַפט האָט דערפירט צו אַזאַ טרויעריקע שפּאַלטונג אין דער אידישער מחנה, און געמאכט, אז אונדזערע בלוטיקע שונאים, די אמאליקע פריסטער און גלחים, זאָלן ווערן אונדזערע ריכטער, אז זיי זאָלן באַשטימען דעם שיקזאל פון רמב"ם'ס ספרים.

ווי אזוי האבן די קעגנער ניט פאָראויסגעזען די קאנזעקווענצן? זיי האָבן דאָך

געוואוסט, אז דער פויפ, גריגאר דער ניינטער, האט אויפגעשטעלט אַ מין אינקווי־זיציע פאַר זייערע אומגלויביקע און א מסירה אויף אונדזערע, מיט דעם נוסח, אז משה מיימון פון מצרים פירט אראפּ פון דרך־הישר, וועט געבן אַ געלעגנהייט די אידישע שונאים חרוב צו מאכן אונדזערע אָנגעזאַמעלטע רעליגיעזע און עטישע אוצרות.

די כוונה פון פויפ און זיינע גלחים איז דאָך געווען, ניט בלויז צו פארלעצן און אין גאנצן פטור צו ווערן פון די אידישע ספרים, נאר אויך פון די אידישע אמונה, וואָס איז זיי געשטאנען און עס שטייט זיי ווי אַ ביין אין האלדז.

די היסטאריקער ברייינגן, אז ביי דער צערעמאניע פון ברענען די ספרים אין פאריז, האבן זיך פיל פריסטער און גלחים פארזאמעלט אויפן פלאץ, און דער „הייליקסטער" פון זיי האט מיט א „רעליגיעזן" ציטער אנגעצונדן דעם פייער פון זייער "נר־תמיד" פון דער קירכע, און מיט דעם אנגעצונדן דעם באַרג ספרים. זיי האבן דאָס געמאכט פאר א הייליקע „מצוה" צו פארשווערכן די אידישע אמונה, און לייכטער קאָנען ברייינגן אידן צום שמד.

ס'איז פאר אונדז א רעטעניש, וואָס יענע גדולי־התורה, און עס זיינען דאָך געווען אמת'ע גדולים אין יענער צייט, און דאָך האָבן זיי ניט פארשטאנען צו וואָס זייער מחלוקה קאָן פירן.

ס'איז אויך אונפארשטענדלעך די מענטאַליטעט פון די פאַרערער פון רמב"ם. זייער פארביסנקייט אין קאמף האט צוגענומען פון מאנכע דעם געפיל פון רחמנות, די מידה מיט וועלכע דאָס אידישע פאָלק צייכנט זיך אויס.

מיר האבן שוין פריער געבראכט וועגן צען אידן, פון די קעגנער, וואָס האָבן אַ מסירה געבראכט פאר די גלחים אויף אַ טייל פון רמב"ם'ס חסידים, און ווען מען האָט אויסגעפונען, אז זיי זיינען ליגנער, איז דער פסק פון גלחישן געריכט געווען אז מען זאָל אלע צען אָפּשניידן זייערע צינג.

אַזאַ באַרבאַרישער אורטייל, האט דאָך באַדאַרפט ארויסרופן א פונק רחמנות און באַדויערונג. ניין, ניט בלויז איז קיין מיטלייד ניט אויסגעדריקט געוואָרן, נאָר אַ חכם פון יענער צייט, מען גלויבט אז דאָס איז געווען ר' אברהם חסדאי, האט אויף דער געשעעניש געשריבן פאלגענדן עפיגראַם, וואָס האָט קורסירט צווישן די פאַר־ערער פון רמב"ם:—

קמו מורי־שוא על מורי צדק
ונתנוהו חרץ.
חלק לבם ויפרץ בם האל
פרץ על פרץ.
שתו בשמים פיהם,
ולשונם תהלך בארץ.

אין אידישן לשון מיינט עס אזוי אומגעפער:
פאַלשע לערער קעגן גערעכטע,
געשאַרפט האָבן צינגער שלעכטע,

זייער האַרץ געטיילט אין צוויי,
אַ בראָך האָט גאָט געבראַכט אויף זיי.
זייער מויל צו הימל־ספערן
זייערע צינג אין ד׳ערד שפּאַצירן.

אַזאַ עפּיגראַם וועגן די צען אידן, וואָס מען האָט זיי אויסגעשניטן די צינג, האָט אַ ווילדן ווידער־טעם, און עס דריקט אויס אַ פאַרביסנקייט, וואָס ווייס ניט קיין מיט־לייד און קיין באַדויערונג. דער באַרבאַריזם פון יענער קריסטלעכע געזעלשאַפט האָט, ווארשיינלעך, ניט ווייניק עפעקט געהאַט אויף דער אידישער. און אין צייט פון אויפ־גערעגטע מחלוקת, פאַרגליווערט דאָס אידישע האַרץ.

און פאַרוואָס און צוליב וואָס איז אָט די טראַגישע מחלוקה אַנטשטאַנען? קאָן מען דען געפינען אַ געזונטע סיבה אין רמב״ם׳ס ספרים?

ווען איר בלעטערט אַדורך דעם רמב״ם׳ס ספרים קאָנט איר באַלד זיך אַנשטויסן אויפן אידעאַל צו וועלכן ער האָט זיך געצילט און דאָס באַגרינדעט, וויסנשאַפטלעך, פאַר זיין פאָלק.

דער אידעאַל זיינער איז דער צענטער אין אַלע זיינע ווערק: מאָראַלישע־לערע און די באַציאונגען פון מענטשן צו גאָט.

„דער מענטש—זאָגט דער רמב״ם אין זיין ספר המדע—באַדאַרף זיך געבן די גרעסטע מי, צו האָבן אין זינען, אַז אַלץ וואָס ער טוט איז נאָר געצילט ליב צו האָבן און צו וויסן דעם השם יתברך.סיי אין האַנדל, סיי אין אַרבעט, זאָל ער בשעת מעשה, ניט דיינקן וועגן די געלט פאַרדינסט נאָר ער זאָל טאָן די אַלע אַרבעט מיטן געדאַנק, אַז דאָס טוט ער צוליב האַלטן דעם גוף אין געזונדס צושטאַנד. ער מוז עסן און טרינקן, ווייל, אַז מען איז קראַנק קאָן מען ניט דינען גאָט. עס איז אוממעגלעך צו פאַרטראַכטן זיך, זאָגט דער רמב״ם, צו פאַרשטיין חכמה, ווען מען איז קראַנק אויף איינעם פון די אברים. ס׳איז ניט קיין גוטער וועג פאַר אַ מענטשן צו טראַכטן, דאָס ער וועט האָבן קינדער כדי זיי זאָלן אים העלפן אין זיין אַרבעט. ער באַדאַרף טראַכטן, פּיליכט וועט ער האָבן אַ זון אַ חכם און אַ גדול בישראל. ווען ער גייט אָט דעם וועג מיינט דאָס, אַז אַלע זיינע יאָרן דינט ער גאָט, אַפילו ווען ער האַנדלט, אַפילו ווען ער שלאָפט, ווייל דאָס אַלעס טוט ער פון גאָט׳ס וועגן, ער שלאָפט אָפּצורוען זיין גוף און עסט כדי געזונט צו זיין צו דינען און וויסן גאָט ברוך הוא״. (ספר המדע).

אָט דאָס איז דער העכסטער און אייביק דויערנדער אידעאַל, וואָס גיט דעם מענטשן אַ גייסטיקן תענוג וואָס קיין אַנדער תענוג איז ניטאָ זיין גליכן. עס געלוסט זיך צו לעבן און ציען דעם המשך פון קיום—דעם אידעאַל האָט ער געוואָלט אַריינגעבן אין זיין פאָלק.

נאָך אַזעלכע געדאַנקען פון רמב״ם אין זיינע ווערק איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין זיינע קעגנער, וואָס האָבן פאַראורזאַכט אַזוי פיל יסורים און בלוט־פאַרגיסונג?

און נאָך מער וואונדער איז, אַז די קעגנער האָבן דאָך געוואוסט, אַזוי ווי זיינע פאַרערער, דאָס דער רמב״ם איז דער, דאָס וואָס ער הייסט טאָן אַנדערע, טוט ער דאָס אַליין מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה. זיינע מאָראַלע אידעען האָט ער פּראַקטיש זיין

גאנצן לעבן דורכגעפירט אויף זיך. זייגע דרייצן עיקרים, זיינען געווען פאַר אים דער אינהאַלט פון זיין לעבן און שאַפן. עס בלייבט, אלזאַ, דאס אונפאַרשטענדלעכע אין זיינע קעגנער, וואָס האבן פאַראורזאכט אַזאַ חילול־השם מיט קרבנות דערצו.

## דער רמב״ם וועגן סמיכה

ווען מיר זאָלן זיך שטעלן די פראגע: צו האט זיך שוין פאַרענדיקט די מחלוקה וועגן רמב״ם? וועט דער ענטפער זיין: ניין!

עס געפינען זיך נאך, אונטער די חסידישע אידן וואס זיינען קעגן „מורה־נבוכים" און מיידנאויס אפילו זיין „יד־החזקה" אויב זיי געפינען א פוסק קעגן אים א פשיטה זיין „מורה־נבוכים".

בלייבט נאך אבער די קשיא: מיט וואס פאַר א רעכט קאָן מען זאָגן אויפן רמב״ם אלס פוסק אחרון? דער ענטפער אויף דעם געפינט זיך אין דער געשיכטע, און איר מעגט דאס וויסן, אויב איר ווייסט דאס ניט.

מיט אַן ערך דריי הונדערט יאר שפעטער איז אנטשטאנען א מחלוקה צוליב דעם דין פון רמב״ם וועגן סמיכה צווישן דעם גאון „ביר״ב (יעקב בן משה) מיטן גאון דער הרלב״ח (ר׳ לוי בן חביב.)

דער גאון ביר״ב איז געווען פון די וואס זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון שפאַ־ניע. צו 18 יאָר האט ער שוין גע׳שמ׳ט אלס גדול. נאך פיל צרות און יסורים האָט ער זיך דערשלעפּט צו דער שטאט טאלמאסאָן, אין נארד אפריקע. באלד צו דער ערשטער דרשה וואָס ער האט געהאלטן שבת, האט ער באצויבערט מיט זיין תורה דער אידישער באפעלקערונג ,און מען האָט אים צוגעטיילט דעם גרעסטן כבוד.

פון דאָרט איז ער אוועק קיין פעס, נאָר צוליב די גזירות פון דער רעגירונג אויף אידן, האט ער ניט געקאָנט דארט בלייבן און ער האט זיך באזעצט אין קאירא, מצרים, וואו ער האָט שוין געפונען א צאָל חכמים, נאָר אזוי ווי אים האט געצויגן צו ארץ־ישראל איז ער פון קאַירא אוועק און זיך באזעצט אין ירושלים, וואו ער האָט געגרינדעט א ישיבה, און צווישן זיינע תלמידים האבן זיך געפונען דער גאון ר׳ יוסף קארו, (דער בית־יוסף) דער המבי״ט (משה בן יוסף טראני) און אנדערע גדולים.

אין ירושלים איז געווען דער אב־בית־דין, דער רלב״ח, ר׳ לוי בן חביב, אויך א גדול בתורה און אַן עושר דערצו, וואָס פלעגט אפט ארויסווייזן אונפריינטלעכקייט צו גאון ביר״ב. דאָס האָט דערפירט צו רייבונגען, אין שייכות צו שאלות און דינים צווישן זיי.

ווּעלענדיק אויסמיידן מחלוקת האָט דער גאון ביר״ב פאַרלאזן ירושלים. אוועק קיין דמשק, וואו מען האט אים אויפגענומען אלס אב־בית־דין, נאר עס האָט אים געצויגן צו צפת, וואו דאָרט איז שוין געווען א גרויסע אידישע קהילה און בארימטע תלמידי חכמים. צפת איז געווען דער צענטער פון ארץ־ישראל אין יענער צייט.

אין צפת איז דער גאון ביר״ב געוואָרן דער ראש פון אלע חכמים, און זיין נאָמען

האָט געקלונגען איבער גאַנץ ארץ־ישראל און אויך דערגרייכט אין חוץ־לארץ.

הרב אלגזי האָט אויף אים געשריבן, אַז ער איז אַ „יחיד בדורו", „דער זייל און קרוין פֿון אידישן פֿאָלק", „דער צדיק וואָס איז דער יסוד פֿון דער וועלט". זיין תלמיד דער מהר"י פֿלעגט דערמאָנען זיין נאָמען מיט די ווערטער: „מורי הרב הגדול".

ווען דער גאון ביר"ב איז עלטער געוואָרן איז אים אַרויף אויפֿן געדאַנק זער אַ הויכער און וויכטיקער ענין: צו פֿאַראייניקן דעם גאַנצן אידישן פֿאָלק, דורך אַ סנהדרין אין ישראל. ער האָט געזען די לאַגע פֿון די אידן אין מערב איז זער אַ טראַגישע. די גזירות, פֿאַרפֿאָלגונגען און גירוש קאָן צוברעקלען און חרוב מאַכן דאָס אידישע פֿאָלק, דערפֿאַר איז נויטיק אַ גייסטיקער צענטער אין ישראל, מיט אַ סנהדרין, וואָס מיט איר וואָרט וועט מען זיך רעכענען אין אַלע תפוצות וואו אידן געפֿינען זיך.

אַזאַ מין בית־דין הגדול האָט מען נאָר געקאָנט גרינדן אין ארץ־ישראל, ווייל די דאַמאַלסדיקע טערקישע רעגירונג, האָט זיך ניט געמישט און קיין דעה ניט געזאָגט, וואָס אידן זאָלן טאָן און ווי זיי זאָלן זיך פֿירן. אידן האָבן געהאַט פֿולע פֿרייהייט סיי אין מאַטעריעלן און סיי אין גייסטיקן לעבן.

מיט אים האָבן איינגעשטימט זיינע גרויסע תלמידים און די גאַנצע קהילה פֿון צפֿת, וועלכע איז געווען די גרעסטע אין צאָל און די באַרימטסטע מיט אירע חכמים.

די פֿראַגע איז אָבער געווען וועגן „סמיכה". דער סנהדרין באַדאַרף דאָך באַשטיין פֿון רבנים, גדולים בתורה, ווער זאָל זיי געבן סמיכה? ווייל זינט הלל (דער לעצטער) איז סמיכה בטל געוואָרן אין ישראל. סמיכה הייסט, וואָס איין גאון גיט רשות אַ צווייטן חכם צו זיין רב, דיין און פסקן שאלות. אָן „סמיכה" קאָן מען דאָס ניט זיין, דאָס הייסט: האָט מען ניט דעם טיטול רב.

האָט צפֿת פֿאַרשטאַנען, דאָס אַזוי ווי דער גאון ביר"ב איז דער גרעסטער אין תורה אין גאַנצן לאַנד, זאָל ער געבן סמיכה, די וועלכע ער דיינקט, אַז זיי זיינען ראוי דערצו.

הגאון ביר"ב האָט אָבער ניט געוואָלט שטעלן אויף זיך אין דעם ענין, הגם ער איז געווען אַ תקיף בדעתו אין שייכות צו דינים, האָט ער אַריינגעקוקט אין רמב"ם, וואָס ער זאָגט וועגן געבן סמיכה — און פּונקט באַלד געפֿונען וואָס ער האָט געזוכט.

אין יד־החזקה, הלכות סנהדרין, זאָגט דער רמב"ם פֿאָלגענדעס:

„איך בין אין דער מיינונג דאָס אויב אַלע חכמים אין ארץ־ישראל האָבן מסכים „געווען אויפֿצונעמען דיינים און געבן זיי סמיכה, זיינען זיי מוסמכים (אויטאָריזירט) „און האָבן דאָס רעכט צו משפטן דינים פֿון קנס, און האָבן רעכט צו געבן סמיכה „אַנדערע".

פֿאַרלאָזענדיק זיך אויפֿן רמב"ם האָט דער גאון גענומען אַרבעטן, אַז די חכמים פֿון ארץ־ישראל זאָלן געבן סמיכה, דעם וועלכער עס איז ראוי דערצו. דאָס איז אים גאָרניט שווער געווען. אַלע חכמים פֿון צפֿת, האָבן איינשטימיק אָנגענומען, אַז דער גאון ביר"ב, דער ראש־ישיבה זאָל באַקומען דעם

טיטול רב, און ער זאָל דערנאָך געבן סמיכה ווענען ער פֿאַרשטייט. דאָס איז געווען אין יאָר 1538. די סמיכה צו הרב ביר"ב, האָבן די חכמים פֿון צפֿת געשיקט צום רלב"ח, און פֿון דעם האָט זיך צופֿלאַקערט די מחלוקה צווישן די צוויי גדולים.

דער רלב"ח האָט בשום אופֿן ניט מסכים געווען אז ביר"ב זאָל זיין דער אויטאָ־ריטעט צו געבן סמיכה אנדערע. נאָר הרב ביר"ב האָט אים אנגעוויזן וואָס דער רמב"ם זאָגט, און ווער איז נאָך אַזוי גרויס ווי דער רמב"ם. דער רלב"ח האָט די דעה פֿון רמב"ם ניט געוואָלט אנעמען, ניט דערפֿאַר וואָס ער איז געווען דעם רמבם"ס אַ קעגנער, נאָר אַזוי ווי ער איז ניט מסכים און די אנדערע רבנים פֿון ירושלים זיינען מיט אים, דערפֿאַר פסל'ט ער די סמיכה, וואָס צפֿת האָט געגעבן צו הגאון ביר"ב. במילא קאָן ער שוין ניט געבן קיין סמיכה צו אנדערע.

הרב ביר"ב האָט אבער געזען אין דער סמיכה אַ גייסטיקע ישועה פֿאַר אידן, האָבנדיק אַ גרויסע צאָל רבנים קאָן מען שוין גרינדן אַ סנהדרין. די מערהייט פֿון די גדולים זיינען דאָך געווען אין צפֿת, דאָס איז דאָך וואָס דער רמב"ם מיינט.

מיטן כוח פֿון רמב"ם האָט ער גלייך ווי ער האָט באַקומען סמיכה פֿון אַלע רבנים און קהילה פֿון צפֿת, האָט ער געגעבן סמיכה צו פֿיר גדולים: צום גאון יוסף קארו (דער בית־יוסף) צום גאון "המביט" (ר' משה טראַני), צום בעל ־מקובל ר' משה קאַרדאַבירא און צו אַ חבר פֿון בית־יוסף הרב חאגיז. אנדערע זאָגן, אַז ביר"ב האָט געגעבן סמיכה צו צען רבנים. מיט דעם האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די סמיכה אין ארץ־ישראל, און עס איז גאַנץ מעגלעך, דאָס ווען דער גאון ביר"ב וואָלט געהאַט אריכת־ימים, וואָלט אפֿשר זיך געגרינדעט אַ סנהדרין.

אין אמתן איז דאָך ביר"ב'ס אידעע געווען די ריכטיקע, וואָס האָט געפֿירט צו ביאת־המשיח. דער רמב"ם זאָגט אין זיין "פּירוש־המשניות", אַז משיח וועט פֿריער ניט קומען איידער עס וועט אויפֿגעשטעלט ווערן, אין ארץ ישראל, אַ "בית־דין הגדול" אָדער אַ סנהדרין. דער רמב"ם וואָס באַגרינדעט אַלץ וואָס ער זאָגט פֿון דער תורה אָדער נביאים, האָט דאָס געפֿונען אין ישעיהו הנביא'ס נביאות פֿון פסוק: "ואשיבה שופטייך כבראשונה ויועצייך כבתחילה, אחרי כן יקרא לך עיר הצדק קריה נאמנה" —דאָס מיינט: און איך וועל אומקערן דיינע ריכטער ווי פֿריער, און דיינע ראַטגעבער ווי אין אָנהויב, דערנאָך וועט מען דיר רופֿן דער שטאָט פֿון גערעכטיקייט, די געטרייע שטאָט. הייסט דאָס אַז איידער משיח וועט קומען וועלן שוין זיין אין ירושלים די גויטיקע ריכטער—די סנהדרין.

דערפֿאַר האָט זיך ביר"ב אַזוי ענטוזיאַסטיש פֿאַרנומען צוריק איינצופֿירן די סמיכה, זאָל פֿריער אנטשטיין אַ גרויסע צאָל רבנים, פֿון וועלכע מען וועט קאָנען אויסוויילן אַ סנהדרין, אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט אין דער צייט פֿון תלמוד.

און ער האָט געהאַט דערצו די געווינשטע געלעגנהייט, די טערקישע רעגירונג שטערט ניט, לומדים פֿעלן אויך ניט אין צפֿת, פֿינף און צוואַנציק רבנים פֿון שטאָט האָבן מסכים געווען צום רמב"ם'ס פסק־דין. קאָן מען דאָך אנהויבן צו געבן סמיכה.

נאָר אין דער מחלוקה וועגן דער סמיכה און דער אינטערפּרעטאַציע פֿון רמב"ם, וואָס אַלע רבנים פֿון צפֿת האָבען אנגענומען, דערציילט די געשיכטע אַז עס

איז באגאנגען געווארן א טראַגישן אַקט מצד די קעגנער צום גאון ביר״ב. א סברה, אַז מען האט דערלאנגט א מסירה אויף אים, אז ער וויל דאָ, אונטער די ממשלה פֿון טערקיי, גרינדן א מין אידישע ממשלה, און די זיכערקייט פֿון גאון׳ס לעבן איז געווען אין געפֿאַר, ער האָט געמוזט אנטלויפֿן פֿון צפֿת אין געהיים, נאָך דריי חדשים ווי ער האָט געגעבן סמיכה. ס׳איז דערפֿאַר מעגלעך, אז ניט זיין פטירה איז די אורזאַך פֿון דער צושטערונג פֿון זיין פּלאַן.

אין איינעם פֿון זיינע בריף שרייבט ער מיט צער: „הימל און ערד זאָלן זיין מיינע עדות, דאס אין דעם טאָג ווען איך האָב געגעבן סמיכה צו די פיר חכמים, בין איך געווען אין סכנה אזוי ווי עס האט געטראָפֿן צו רבי יהודה בן בבא. בין איך אנטלאפֿן פֿון מיין הויז מיטן לעבן״.

מיט דעם רבי יהודה בן בבא וואס ביר״ב דערמאנט האט געטראָפֿן אַזאַ מעשה:— די רוים׳ישע מלוכה האָט ארויסגעגעבן א גזירה, דאס אויב אימיצער פֿון די אידישע חכמים וועט געבן סמיכה וועט מען אים פֿארמשפטן צום טויט. אויך דעם פלאץ וואו מען וועט געבן סמיכה וועט מען פֿארניכטן. איז רבי יהודה בן בבא אוועק און זיך געזעצט צווישן צוויי שטעט—אושא און שפרעם—און געגעבן סמיכה פֿינף חכמים. ווי נאָר די שונאים האָבן זיך דערוואוסט פֿון דעם, האָט ער געזאגט צו די חכמים, וועמען ער האט געגעבן סמיכה; אנטלויפֿט! האבן זיי צו אים געזאגט! רבי וואס וועט זיין מיט אייך? האָט ער געענטפֿערט: איך וועל דאָ בלייבן ליגן ווי א שטיין, וואס מען קאָן ניט רירן פֿון אָרט. די שונאים האבן אים געפֿונען און דערשטאָכן מיט דריי הונדערט שפּיזן. ער האט אבער מיט זיין טויט גערעטעט דעם קיום פֿון תלמוד.

דער גאון ביר״ב איז געווען דער מחבר פֿון ספר „באור על הרמב״ם״ און אויך „פירוש על הרמב״ם״. מיר קומען, אלזאָ, צום אויספֿיר, דאס אזוי ווי אלע רבנים פֿון צפת האָבן זיך פֿארלאזן אויפֿן פסק־דין פֿון רמב״ם, און אזוי ווי די קעגנער פֿון סמיכה האָבן בעצם אויך מסכים געווען צום רמב״ם, נאָר זייער קעגנערשאַפֿט איז געווען, ווייל מען האט זיי פוגע בכבוד געווען. מעגן מיר זיך פֿארלאזן אויף זיי, און באַצייכענען דעם רמב״ם אלס פוסק אחרון, ניט אכטענדיק אויף די היינטיקע מאנכע רבנים, וואס זיינען ניט צופֿרידן פֿארוואָס מיר האבן געגעבן דעם רמב״ם דעם טיטול „פוסק אחרון״.

מיר ווען ענדיקן דעם קאפיטל מיט א באמערקונג אין שייכות צום הרלב״ח. זאָלן די לייענער קיין טעות ניט מאכן און אונטערשעצן דעם גאון צוליב די מחלוקת מיטן גאון ביר״ב. דער רלב״ח איז אויך געווען א גדול בישראל, א חריף און בקי. זיין נאמען איז באקאַנט געווען אין דער גאנצער אידישער וועלט. ער איז געווען דער זון פֿון „עין יעקב״ (ר׳ יעקב בן חביב) און איז געווען בטבע אַ גרויסער ענו און אַ בעל מידות־טובות. פֿארוואס ער איז געווען אזוי פֿארביטערט קעגן גאון ביר״ב און אָנגעפֿירט אַזאַ פלאַמענדיקע מחלוקה איז ווירקלעך אונפֿארשטענדלעך.

# דער גאון הרמ״א וועגן רמב״ם

מיר האבן שוין אין די פֿריערדיקע קאפיטלעך דערציילט וועגן „חרם״ וואס דער רמ״א (ר׳ משה איסרלס פֿון קראקא) האט ארויפֿגעלייגט אויף די וואס וועלן קויפֿן דעם „יד החזקה״ פֿון רמב״ם ניט פֿון מהר״ם פֿון פאדווא, וועלכער האָט פֿריער אָפּגעדרוקט פֿאר דעם ניט אידישן דרוקער. מיר האבן אבער אייך ניט דערציילט מער פרטים וועגן דעם גאון, וואס האט, איינפֿאך, פֿארהייליקט דעם רמב״ם און נאך זיין חתימה צעפֿאלן אלע קעגנער, ווייל אויסער די גרויסע גאונות פֿון רמ״א, און אויסער דעם וואס ער איז ביי אונדז איינער פֿון די הויפט פוסקים, איז ער אויך געווען א צדיק, וואס פֿון זיין מויל און פֿון זיין פען איז קיין שמץ פֿון אונרעכט און פֿון אונבאַטראכטקייט ניט ארויס.

מיט זיינע מעשים און פֿארלאזען זיך אויפֿן רמב״ם, שיינט ארויס דאס אמתע ליכטיקייט פֿון דעם ריז, וואס האט אזוי פֿיל קעגנער געהאט, און איז געבליבן שטאַרק, אונבארירלעך און פֿארהייליקט ביז היינטיקן טאג.

דער רמ״א איז געבוירן געווארן אין קראקא אין יאר 1520, דאס איז מער פֿון דריי הונדערט יאָר נאך רמב״ם. ער איז נסתלק געווארן אין יאר 1572, דאס הייסט: אַז ער האט געלעבט בלויז 52 יאָר, און דאס וואס ער האט געשאפֿן און אויפֿגעטאן, אין דער קורצער צייט איז ווירקלעך צו באוואונדערן.

אינטערעסאנט איז דאָ צו ברייגנען אן אויסצוג פֿון זיין מצבה וואס געפֿינט זיך נאך אפֿשר אין קראקאָ: „דאס ליכט פֿון מערב, דער גרעסטער גאון פֿון זיין דור, „אָפּגעטאן האָט זיך דער כבוד פֿון ישראל, משה האט געפֿיטערט צאן ישראל, האָט „אויפֿגעשטעלט תלמידים אין די טויזנט און צען טויזנטער, פֿון משה ביז משה איז „ניט אויפֿגעשטאנען אזעלכער ווי משה ביי אידן״.

דער רמ״א האָט גע׳פסקנ׳ט, אז אויסער די תורה מעגן לערנען אנדערע חכמות, דאָס איז קעגן דעם ר׳ יעקב בעל־הטורים, וואס פֿארזאגט, אז מען טאָר ניט לערנען קיין אַנדערע חכמות, דער רמ״א זאָגט אין זיין ספר „תורת העולה״, דאס אפֿילו ווען עס טרעפֿט א מחלוקה אין דער גמרא וועגן דעם, אַרט אים ניט און ער וועט אנדערש ניט דערקלערן ווי נור לויט דעם רמב״ם מיינונג.

דער מורה־נבוכים איז פֿאר רמ״א געווען דאס ליכט פֿון די אויגן, און נאר אין דער ליכט פֿון מורה־נבוכים האָט ער געזען דאס אמת׳ע ליכט. די גאנצע חכמה, פֿאָרשונג און געדאנקן האָט ער גענומען פֿון רמב״ם׳ס מורה־נבוכים, ער זאגט אויף זיך: זאָלן הימל און ערד זיין מיינע עדות, דאס אין מיין גאנצן לעבן האב איך ניט אריינגעקוקט אין קיין ספר פֿון אריסטאטאלס ספרים, נור אין „מורה נבוכים״.

איינער פֿון רמא״ס ספֿרים איז זיין גרויסע ווערק דער ספר „תורת העולה״ וואס האָט פֿיל טיפֿע פֿילאזאפֿישע געדאנקן און פֿארשונגען. דער מהרש״ל (ר׳ שלמה לוריע) איז שטאַרק בייז געווען אויפֿן רמ״א פֿארוואָס ער האט מחבר געווען אַזאַ פֿילאזאפֿישן ספר און אויך פֿארוואָס ער איז אַזאַ אנהייגער פֿון רמב״ם.

אין א בריף וואָס דער מהרש״ל האָט געשריבן צום רמ״א, שטראָפֿט ער אים

פאַרוואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזן אין די חכמות פון דעם „ערל" אַריסטאָטעל, ווי גרויס די זינד איז דאָס צו טאָן, ער פילט ווי מען וואָלט מיט אַ מעסער געשניטן זיין לייב, די תורה גורט אָן אַ זאַק און קלאָגט אויף דעם, דו משה, דער גרויסער שרייבער, וואו איז דיין חכמה?

מען קאָן פאַרשטיין ווי ווייט דער מהרש"ל איז געווען קעגן רמב"ם. ניט בלויז האָט ער אויסגעמיטן אַריינצוקוקן אין „מורה־נבוכים", נאָר אין מאַנכע דינים איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן רמב"ם. ווארום זיינע שטראָף־רייד צום רמ"א איז דאָך, הויפט־זעכליך, געווען ניט דערפאַר, וואָס דער רמ"א האָט געלערנט אַריסטאָטעלס, ער האָט דאָך געוואוסט וואָס דער רמ"א האָט געזאָגט, אַז ער האָט קיין מאָל ניט אַריינגעקוקט אין אַריסטאָטעלס לערע, נאָר זיין פילאָזאָפישע וויסן האָט ער גענומען פון רמב"ם, מהרש"ל האָט געטאָן ווי דאָס אידיש ווערטל גייט: „מען זאָגט די טאָכטער און מען מיינט די שנור".

בכלל איז דער מהרש"ל געווען אַ גרויסער תקיף ביי זיך. זיין מיינונג איז ביי אים געווען תורת משה. ער האָט קיינעם ניט רעספּעקטירט; ניט דעם „בית־יוסף", ניט דעם ראַ"ש און ניט דעם „טור אורח־חיים". וועגן רמ"א'ס פסק־דינים האָט ער געוואָרנט און געזאָגט, אַז מען זאָל זיך ניט פאַרלאָזן און חלילה וחלילה ניט פסקענען אַזוי ווי דער רמ"א זאָגט. נאָר דאָס האָט אים ניט געהאָלפן. דער רמ"א האָט זוכה געווען, אַז אין אַלעס איז דער דין אַזוי ווי ער זאָגט און אין דער גאַנצער וועלט איז אָנגענומען געוואָרן אַזוי ווי דער רמ"א פסקנט.

אויפן מהרש"ל'ס בריוו ענטפערט אים דער רמ"א, אַז ער איז פאַרציטערט גע־וואָרן פון זיינע שאַרפע שטראָף רייד, נאָר דאָס וואָס ער האָט זיך אַזוי צושטורמט, ווייל אין אַ בריוו וואָס דער רמ"א האָט צו אים פריער געשריבן דערמאָנט ער די גריכישע וויסנשאַפט און דעם הויפט פון די גריכישע פילאָזאָפן, זאָגט אים דער רמ"א, אַז דאָס איז „די פלייש און ווייַן" וואָס דער רמב"ם האָט געשריבן אין זיין „ספר המדע", און ווער איז נאָך אַזוי גרויס ווי דער רמב"ם, וואָס האָט זיין גאַנצן „מורה נבוכים" אָנגעפילט פון דער מין חכמה. אונדזערע חכמים האָבן שוין לאַנג געזאָגט אין דער גמרא מגילה, אַז נאָר ווער פון די אומות וואָס זאָגט אַ קלוג וואָרט, ווערט אָנגערופן אַ חכם, און ווען אַפילו מיר זאָלן שוין אָנעמען, אַז מען טאָר ניט לערנען זייערע ספרים צוליב דעם, אַז מען זאָל זיך ניט אָנשטעקן מיט אפּיקורסות, אָבער לערנען פון אונדזערע חכמים פאַרשער און דיינקער ווי דער מחבר פון „העקדה" און אַנדערע גרויסע און קלענערע דיינקער און אַ פשיטה פון דעם גדול, דער רמב"ם דאָס קומט קיינעם אויפן זינען ניט אַרויף, אַז מען זאָל ניט טאָרן. אין רמב"ם'ס ספרים איז דאָך זיכער נישטאָ אַזעלכעס וואָס מען טאָר ניט וויסן. סוף כל סוף גלויב איך מיטן גאַנצן האַרצן, אַז דער רמב"ם איז דער לעצטער פון די גאונים אין צייט און דער ערשטער אין ווירדע. הגם מאַנכע פון די חכמים האָבן געקריגט אויף אים און פאַרברענט זיינע ספרים, דאָך האָבן זיך זיינע ספרים פאַרשפּרייט צווישן אַלע לעצטע חכמים און אַלע האָבן זיי געמאַכט פאַר אַ קרוין אויפן קאָפּ און ברייַנגען ראיות פון זיינע רייד און זיינע הלכות ווי עס וואָלט געווען „הלכה למשה מסיני", דאָס

הייסט: ווי גאט וואלט דאס געגעבן צו משה רבינו אויפֿן בארג סיני.

הגם זאגט דער רמ״א אין זיין בריף צום מהרש״ל—איך ברייננ אמאל עטוואס אזעלכעס וואס אריסטאטל האָט געזאגט. שטעל איך עדות הימל און ערד, אז איך האב קיין מאל אין מיין לעבן ניט געהאלטן קיין ספר פֿון זיינע ספֿרים, נאר דעם ספר „מורה נבוכים״ אין וועלכן איך האָב גאָט צו דאנקן געפֿונען דאס וואס איך האב געוואלט וויסן און פֿון דעם האב איך געבראכט וואס אריסטאטל האָט געזאָגט.

און פֿארוואס ניט? האט דען ניט דער רמב״ם געשריבן אין זיין מורה נבוכים, פרק כ״ב אין צווייטן טייל, דאס אלץ וואס אריסטאטל האָט באגריפֿן ביז די ספֿערן פֿון דער לבנה איז פֿאלקאם אמת, אויסער אין שייכות מיט גאט, ברוך הוא, און די הימעלשע גלגלים, אין דעם געביט איז ער אַראָפּ פֿון וועג, אבער אין די איבעריקע איז זיין מיינונג דאס זעלביקע פֿון אונדזערע חכמים, זכרונם לברכה. און איך זאג: אויב אנטלויפֿן פֿון פֿארשן וואָלט איך ליבערשט אנטלאפֿן פֿון קבלה ווי אַנטלאפֿן פֿון פֿילאזאפֿיע.

דער רמ״א איז נאכגעגאַנגען דעם רמב״ם׳ס שיטה ניט בלויז אין שייכות מיט רעליגיע און הלכה, נאר אויך אין זיינע פֿילאזאפֿישע געדאנקן. דער אונטערשיד, צווישן ביידן איז געווען, וואס דער רמב״ם האָט אוועקגעשטעלט די אידישע אמונה אויף דרייצן פּרינציפּן און דער רמ״א האָט באגרינדעט די אמונה אויף די דריי הויפּט פּרינציפּן: גלויבן אין גאט, גלויבן, אז די תורה איז אונדז געגעבן געווארן מן השמים און גלויבן אין שכר ועונש.

אין דעם הינזיכט האָט דער רמ״א געהאַלטן מיטן גאון און פֿילאָזאָף ר׳ יוסף אלבו, דער מחבר פֿון דעם ספר „העקרים״ וואָס איז אויך ניט איינשטימיק געווען מיטן רמב״ם.

אין אמתן וואס געהערט צו די צאל פֿון די פּרינציפּן, אויף וועלכע די אידישע אמונה איז באזירט, זיינען שוין געווען מיינונגס פֿארשידנהייטן.

מיר געפֿינען שוין אין דער גמרא: דוד המלך האט באזירט די אמונה אויף עלף פּרינציפּן, איז געקומען ישעיהו הנביא און באזירט די אמונה אויף זעקס און דער נביא חבקוק האָט עס געמאכט אויף איינעם: „וצדיק באמונתו יחיה״, דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה, וואָס ענטהאלט פֿיל מצוות.

אויך אין שייכות מיט נבואה און נביאים איז דער רמ״א איינשטימיק מיטן רמב״ם. ער האלט אויך ניט פֿון כשוף און פֿון שדים אזוי ווי דער רמב״ם, נאר ער האָט געגלויבט אין אסטראלאגיע, און געזאגט, אז מען קאן דורך די פּלאַנעטן וויסן וואס עס וועט פֿאַרקומען. אין דעם האָט דער רמב״ם ניט געגלויבט, נאר דאס זיינען אלץ קלייניקייטן. די הויפּט פּרינציפּן פֿון אונדזער אמונה און די גרונד שיטה פֿון רמב״ם וואָס געהערט צו דער רעליגיעזער פֿילאזאפֿיע, איז דער גאון הרמ״א, דער גרעסטער פֿון זיין דור, געווען פֿאלקאָם איינשטימיק מיטן רמב״ם, און דאס איז שוין גענוג צו שטעלן אין שאטן אלע רמב״ם׳ס קעגנער.

# צייטן בייטן זיך

די צייט מאכט ניט קיין אונטערשיד צווישן א יחיד און א רבים. אזוי ווי זי ענדערט דעם יחיד פיזיש אזוי ענדערט זי דעם רבים גייסטיק.

דאָס קאָן מען זען, וואס פאר אן ענדערונג די צייט פון דריי הונדערט יאָר האָט געמאכט אויפן געדאנקן־גאַנג פון אונדזער אידישער געזעלשאפט, פון רמב״ם ביז׳ן רמ״א.

בלעטער אדורך די געשיכטע פון רמ״א און פארגלייכט זיינע פילאזאפיש־רעליגיעזע מיינונגען צום רמב״ם, גייט ער אין זיינע פוס־טריט אין שייכות מיט דער אויפפאסונג פון אונדזער אמונה. נאך מער, ער איז אָפטמאל אריבער דעם גרעניץ און מער פריי ווי דער רמב״ם זיך אויסגעדריקט. זעט וויפיל שונאים און קעגנער דער רמב״ם האָט געהאט און ניט דער רמ״א.

אין זיין ספר „תורת־העולה" קומען צום אויסדרוק, אזעלכע פילאזאפישע גע־דאנקן, מיט וועלכע די עקסטרים־פרומע אידן זיינען זיכער ניט מסכים, דאך איז קיין טומעל און קיין קעגנערשאפט ניט ארויסגערופן געווארן.

דער רמ״א האלט מיט׳ן גאון ר״י אלבו, דער מחבר פון די „עקרים" אז מאַנכע מצוות וועלן זיך ענדערן מיט דער ענדערונג פון דער צייט, ס׳קאן זיין, אז דאס וואס איז היינט אסור קאן מיט דער צייט זיין מותר, און פארקערט. אפשר, זאגט דער רמ״א, איז חתונה האבן מיט צוויי שוועסטער קיין איסור ניט געווען, אין דער צייט פון אונדזערע אבות, נאר דער איסור איז ערשט געווארן שפעטער. אזוי טרעפט, אז מיט דער צייט ווערט פון אסור־מותר, למשל: אדם הראשונ׳ן איז דערלויבט געווארן צו עסן נור גרינסן, וואס די ערד גיט ארויס, אבער ניט קיין פלייש פון א בעל־חי, נח׳ן איז שוין דערלויבט געווארן צו עסן פלייש.

אדער אן אנדערביישפיל: אונדזער תורה פארבאט אונדז אויפצושטעלן מאנו־מענטן און אויף זיי דינען דעם אלמעכטיקן. דאָס איז א בפירושער פסוק: „לא תקים לך מצבה". ווי מיר וויסן איז דער פארבאט ניט געווען אין דער צייט פון אונדזערע אבות. דערפון איז דאך געדרונגען, אז מיט דער צייט ענדערן זיך מאנכע געבאָטן.

אין דעם געביט איז דער רמ״א פיל פרייגעזאנענער ווי דער רמב״ם. אין זיין „ספר המדע" זאגט דער רמב״ם:—

„דאס איז קלאר געזאגט געווארן אין דער תורה, אז יעדע מצוה וואס איז פארזאָגט געווארן, איז דאס אויף אייביק, און ווערט ניט געענדערט. נישט מען מעג צוגעבן צו דער מצוה און נישט מען טאר זי פארמינערן. ווי דער פסוק זאגט: „כל הדבר אשר אנכי מצוה אתכם, אותו תשמרון לעשות. לא תוסיף עליו ולא תגרע ממנו".

דאס מיינט אין אונדזער לשון: אלץ וואס גאט האט אונדז פארזאגט צו טאן, מוזן מיר דאָס אפהיטן ניט מען טאר פארמערן און ניט מען מעג פארמינערן:—דאך זאגט דער רמ״א, אז צייט ענדערט יאָ מאנכע געבאטן, זעט מען דאך, אז ער איז נאך ווייטער געגאַנגען ווי דער רמב״ם אין דער אפנייגונג און אינטערפרעטאציע פון מאנכע

פסוקים. מען האט צוליב דעם זיינע ספרים ניט געברענט און קיינע מחלוקת ניט געמאכט. ווי ווייט עס איז באקאנט, איז נור דער רלב״ג געווען קעגן אים אין דעם ענין, און דער רמ״א וואונדערט זיך פאַרוואָס ער איז קעגן.

אויב עס געפינען זיך, היינטיקע צייטן, וואס זיינען קעגן דעם רמ״א, איז ניט פאַר זיינע פילאזאפישע געדאַנקן, נאר דערפאַר, ווייל ער איז צו שטריינג רעליגיעז געווען. דער רמ״א, ווען ער האט זיך דערוואוסט אז אימיצער א יחיד, אדער א רבים, איז עובר אויף א פאַרזאַג פון דער תורה, האט ער ניט גערוט און מיט פייער פלאַם באַשטראַפט די „עברינים״.

מיר האבן בכוונה געבראכט, אין קורצן די ענדערונגען, וואס די צייט ברענגט, כדי צו האבן אין זינען, דאס די צייט קאן נאך קומען, ווען מען וועט זוכען, ווי מיט ליכט, א קעגנער פון רמב״ם און מען וועט ניט געפינען. וואס ווייטער אין יארן מיר ווערן פון אים, אלץ נענטער ווערט ער צו אונדז. פיל דורות זיינען זיך פארלאָפן נאכ׳ן רמב״ם׳ס הסתלקות, דורות וועלכע זיינען געווען נאָנט צו זיין צייט, דאָך האָט מען קיין רמב״ם יאָר ניט געמאכט פאַר זיין זכרון. ווי געזאגט: צייטן בייטן זיך, און מיר אויך מיט זיי.

## דעם רמב״ם׳ס װארנונג

פאַר דער וועלט איז דער רמב״ם—„מיימאנידיס״, דער פילאָזאָף, וואס האט מסכים געווען כמעט צו אלץ וואס דער גריכישער פילאזאף אריסטאטל האָט געזאגט, חוץ אין שייכות צום בורא עולם.

פאַר אונדז אידן איז דער רמב״ם—משה בן מיימון, דער חכם וואָס האָט פאַר אונדז אנטדעקט דעם אמת פון אונדזער תורה און אמונה, און וואס האט אונדז איבער־געלאָזן גרויסע, נוצלעכע ווערק, אזעלכע וואס מיר האבן ניט געהאט ביז אים.

דער באגריף „חכם״ איז א רעלאַטיווער. מיר האבן געהאט פיל חכמים אין אונדזער פאַלק. ווען מיר זאגן אויפן רמב״ם, אז ער איז געווען א חכם, מיינען מיר דערמיט אויסצודריקן דאס וואס דער תלמוד זאגט: „חכם עדיף מנביא״—דער חכם איז מער ווי דער נביא. ווייל דער נביא מוז האבן אינספיראציע פון דער שכינה. דער חכם אבער, וואס באזיצט די „חכמה עילאה״, די הויכע געטלעכע חכמה, איז טאקע מער פון א נביא.

ביים רמב״ם, ווי מיר האבן שוין דערמאָנט, געפינען מיר ניט, סיי אין זיינע שריפטן און סיי אין די לעגענדעס, אז ער זאל האָבן געזאגט נביאות, אדער, אז צו אים זאָל קומען אליהו הנביא, אדער רבי שמעון בן יוחאי, און אים לערנען, אזוי ווי די לעגענדעס זאָגען אויף דעם האר״י הקדוש, אדער אויף דעם בית־יוסף און אויפן בעל־שם. דער רמב״ם איז געווען דער חכם אויף וועלכן עס ווערט געזאגט „חכם עיניו בראשו״, דער חכם וואס האָט די אויגען אין קאפ, ניט אין שטערן, אדער אונטער דעם שטערן, נאר ממש אין קאפ, אין מוח אין די מארך.

אזעלכע חכמים ווערן זעלטן געבוירן, איינער אין הונדערטער יארן. דאס איז דער רמב״ם געווען און איז פאר אונדז.

זיין ערשטע חכמה איז געווען, דאס נאכדעם ווי ער האט איינגעזאַפּט אין זיך אלע אידישע קולטור אוצרות פון משה רבינו ביז אים, האט ער אויסגעפונען, אז סוף כל סוף, די צוויי תלמודים: תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי, ספרא, ספרי, תוספתא און די ווערק פון די גאונים און בעלי תוספות דרייען זיך אַרום און אַרום אויף תורה, נביאים וכתובים, אויף תנ״ך, הייסט דאס, איז קודם כל באדארף מען דעם אמת געפינען פון תנ״ך, פארשטיין ריכטיק די כוונה פון דעם געטלעכן בוך פון אלע ביכער. אזוי פארשטענדיק, אנאליזירענדיק יעדעס ווארט, זאַץ און פסוק, האָט ער אויסגעפונען, אז דאס איז אייגנטלעך, די פילאזאָפי, וואס ער האָט געלערנט פון די גריכישע פילאזאָפן, נאָר זיי האָבן ניט דערלערנט און דערגאנגען אזוי טיף אין תוך ווי ער—און האט אונדז איבערגעלאזן ווערק וואס האט די חכמים פון זיין צייט און פון אונדזער צייט געעפענט די אויגן.

זייענדיק דער חכם וואס „עיניו בראשו", דאס הייסט: וואס קאָן זען און פאַר־שטיין, וואס קאָן פאסירן מיט זיינע ווערק. איבערהויפט מיט זיין „מורה־נבוכים", האָט ער באלד פון אנהויב ספר אוועקגעשטעלט א ווארנונג: פתחו שערים ויבא גוי־צדיק שומר אמונים". דאס מיינט, עפענט די טויערן און זאָל אריינקומען דאס גע־רעכטע פאלק, וואס היט אָפּ דעם אמת פון דער תורה.

זאָגט אויף דעם זיין קאמענטאטאר, דער גאון שם־טוב, אז דאס האָט ער געמיינט: עפענט די טויערן פון זיין ספר און קומען זאָלן נאר יענע וואס האבן גע־לערנט און אָפּגעהיט די תורה. דאס איז אַ ווארנונג, אז צו פאַרשטיין דעם מורה־נבוכים מוז מען פריער לערנען און גלויבן אין השם יתברך. עס איז א ווערק פאר די וואס גלויבן, נאָר זיי האָבן קשיות צו פרעגן, זיי האבן סתירות צו ווייזן און קאָנען חלילה אריינפאַלן אין ספיקות. אָט פאר זיי איז דער ספר געשריבן.

און נאך דער ווארנונג ווידערהאלט ער דאס אין אַ געדיכט, וואס ער, דער רמב״ם, זאָל האבן אליין פאַרפאַסט:

דעי הולך—לנחות דרך—ישר לסלול—את מסלולה:
הולך תועה—בשדה תורה—סורה ודרוך—יד מעגלה:
טמא וכסיל- ילא יעבור בה—דרך קודש—יקרא לה:

און הגם עס שטייט בפירוש אנגעשריבן, אז דאס געדיכט האָט דער רמב״ם פאַרפאַסט, איז דאך ניט אָפּגעפרעגט אויב אימיצער צווייפעלט אין דעם מחמת דער רמב״ם האָט ניט פיל געהאלטן פון פּאָעזיע. זיין דעה איז געווען, אז פאר דער צייט, וואָס א דיכטער דיינקט פון געפינען דעם ריטם, קלאנג און גראַם, וואָלט ער דאָך געקאנט זיך פאַרטראַכטן אין העכערע, טיפערע געטלעכע געדאנקן. דערפאַר גלויבט זיך קוים, אז דער רמב״ם זאָל די געדיכט האָבן געשריבן. עס איז גענוג אלס הקדמה דער פסוק וואָס ער האָט געבראכט.

ס'איז ניט קיין נייס, אז אָפטמאָל זאָל זיך א שרייבער פארופן אויפן נאָמען פון אַ הויכער פופולערער פערזענלעכקייט, כדי זיינע ווערטער זאָלן אנגענומען ווערן.

מאָדערנע פֿאָרשער פֿון רמב״ם האבן שוין געענוי אויפֿגעוויזן דאס מאנכע בריף זיינע, זיינען געפֿעלשטע, אויך דער ספר „פרקים בהצלחה״ וואָס דורות־לאַנג האָט מען קיין ספק ניט געהאַט, אז דאס איז דעם רמב״ם׳ס, און אַפילו מאַנכע היסטאָרישע פֿאָרשער האבן געהאט די זעלבע מיינונג, איז געקומען דער פֿאָרשער און וויסנשאַפֿט־לער, ש. צ. דאווידאוויץ און האָט דייטלעך אויפֿגעוויזן, אז „פרקים בהצלחה״ איז ניט דעם רמב״ם׳ס.

דערפֿאר האָט מען אַ רעכט צו גלויבן, דאס דער שיר איז ניט געשריבן פֿון רמב״ם, הגם דער געדאַנק פֿון שיר איז דעם רמב״ם׳ס. ער ווארנט, אזוי ווי אין פסוק „פתחו שערים ויבא גוי־צדיק״ מיינט נאר א רעכטער מיט פֿארשטענדניס און וויסן זאל אריין אין די בלעטער פֿון „מורה־נבוכים״ און ניט קיין אונוויסנדער און אונגלויבי־קער, אזוי מיינט אויך דער שיר צו זאגן, אז דער אונריינער, דער נאַר זאל צו דעם ניט צוטרעטן. דער וועג איז א הייליקער.

ריכטיק ווען דער רמב״ם מיינט, ווער עס מעג אריינטרעטן אין דעם גרעניץ פֿון טיפֿער דיינקן, געפֿינען מיר אין זיינע לעצטע קאפיטלעך פֿון דעם „מורה נבוכים״, וואו ער סאָרטירט אויס די מענטשהייט, מיר וועלן דאָ ברענגען דאס וואס ער זאָגט אזוי קורץ ווי מעגלעך:—

אוו איך וועל אנהויבן דעם קאפיטל מיט א משל און זאָגן, דאס דער קעניג איז אין זיין פאלאץ און זיינע אלע מענטשן, מאנכע אין דער מדינה און מאנכע אויסערהאלב די מדינה. די יעניקע וואס זיינען אין דער מדינה איז ווער פֿון זיי וואס שטייט מיטן רוקן צום קעניג׳ס הויז, און זיין באגער איז אין גאר אַן אַנדער וועג, ווער פֿון די מענטשן וואס גאַרט און וויל גיין צום קעניגס הויז און האָט א באַגער צו באזוכן דעם פּאַלאַץ און זיך שטעלן פֿארן קעניג, נאר ער האט נאך פֿאָרלויפֿיק ניט געזען ווי עס זען אויס די ווענט פֿון פּאַלאַץ. ווער פֿון די וואָס ווילן אריינקומען אין קעניגס הויז, ווער פֿון זיי וואס האָט שוין דערגרייכט צום הויז, נאר ער גייט ארום כדי צו געפֿינען דעם טויער, ווער פֿון זיי וואס איז שוין אריין אין טויער און גייט שוין ארום אין פֿאָרהויז, ווער פֿון זיי וואס האָט שוין דערגרייכט אריינצוקומען אין הויז, נאר ער האט נאך ניט דערגרייכט צו זען דעם קעניג און צו ריידן מיט אים, אבער קוים האָט ער שוין דער־גרייכט אריינצוקומען אין הויז וועט ער שוין זיכער זיך משתדל זיין צו זען דעם קעניג, אדער ריידן מיט אים, צו פֿון נאָנט אדער פֿון ווייטן.

איצט וועל איך דערקלערן דעם משל און זאגן: די מענטשן וואס זיינען אויסערהאלב די מדינה, זיינען אזעלכע וואָס האבן קיין גלויבן און קיין רעליגיע ניט, זיי זיינען ווי בהמות וואס ריידן ניט און זיינען ניט ביי מיר אין דער מדריגה פֿון מענטשן. זיי זיינען נידעריקער פֿון מין מענטש און העכער פֿון דער אַפּע (מאנקי). די מענטשן וואס זיינען אין דער מדינה נאר זיי שטיין מיט רוקן צום קעניגס הויז, זיינען יא גלויביקע נאר זיי האבן זיך דערווארבן ניט קיין אמתע דעות, ענטוועדער דורך א טעות וואס זיי האבן געמאכט אין אריינטראכטן, אדער אימיצער האט זיי פֿארפֿירט אין א טעות. אט אַזעלכע מער זיי גיין מער

דערוויטערן זיי זיך פֿון קעניג׳ס הויז. די וואס ווילן אריינקומען אין קעניגס הויז, נאר זיי האבן די הויז קיין מאל ניט געזען, זיינען די וואס טוען מצוות, די וואָס זיינען שוין געקומען צום מלך׳ס הויז זיינען די וואָס האָבן שוין געלערנט תלמוד, און גלויבן די אמתע דעות ביי קבלה, טראדיציע, נאר זיי האבן זיך נאך ניט פֿארטאן אין טיפֿער דיינקן און פֿאָרשן אין דעם אמת פֿון דער אמונה. די וואס האבן זיך אריינגעטאָן אין פֿאָרשונג די זיינען שוין אין פֿאָרהויז פֿון קעניג׳ס הויז, נאָר די וואס האבן דערגרייכט צו וויסן און צו קאָנען ברייננגן באווייז און פרואוו זיינען שוין אין קעניג׳ס הויז, דאס איז שוין א מדריגה פֿון חכמים, אבער דער וואס פֿאָרטוט זיך אין גאנצן מיט לייב און לעבן צו לערנען און קאנען אויפֿווייזן מיט ראיות די מעשים פֿון השם יתברך, זיינען אין מדריגה פֿון נביאים, וואס טראכטן פֿון קיין זאַך ניט נאָר פֿון השם יתברך האבן שוין די מעגלעכקייט צו זען דעם מלך, צו ריידן מיט קעניג, צי פֿון נאָענט אדער פֿון ווייט.

די אויסטאַרטירונג פֿון מענטש וואָס דער רמב״ם האָט געבראכט דורך זיין משל, האָט ער מיט דעם געמיינט די וואָס זיינען שוין אריין אין קעניג׳ס הויז, נאָר זיי געפֿינען זיך נאך אין קאָרידאר. זיי האָבן געלערנט, זיי האבן געטראכט פֿון גאט׳ס וועגן און מעשים, נאָר ניט דערטראַכט דעם סאַמען אמת. זיי גלויבן מער ווי זיי קאָנען זיך דערגרונטעוען צו האבן די מעגלעכקייט צו זען אדער ריידן מיטן מלך. זיי געפֿינען זיך אין גאט׳ס הויז נאָר זיי קאָנען אים ניט, ניט פֿון נאענט און ניט פֿון ווייט. אָט אזעלכע לאדעט איין דער רמב״ם אריינצוקומען אין זיינע טויערן. דאָס מיינט: אין לערנען און פֿארטראכטן זיך אין זיין „מורה־נבוכים״, פֿון וועלכן זיי וועלן פֿארשטיין דעם אמת פֿון גאט׳ס תורה און זיך נענטער באהעפֿטן צום בורא עולם.

ניט צו די וואס שטיין פֿון דרויסן, ניט צו די אונגלויביקע רופֿט ער, נאר צו די וואס דרייען זיך ארום דער פּאַלאַץ, און קאָנען ניט געפֿינען דעם אריינגאַנג, און צו די וואס האבן געפֿונען דעם אריינגאַנג, נאר זיי געפֿינען זיך נאָך אין פרוזדור, אָט אזעלכע ווען זיי וועלן אריין אין דער חכמה פֿון וועלן וויסן דעם השם יתברך, זיינע מעשים און זיין הנהגה פֿון דער גאנצער וועלט, וואס מיר זען און וואס מיר זען ניט, אזעלכע וואס זאָלן זיך אויסטאָן פֿון אייגענע אינטערעסן און נאָר טראכטן פֿון דער גאָטהייט און אמת פֿון אונדזער תורה קאָנען קומען צו דער השגה פֿון נביאות און מדריגה פֿון נבואה און זאגט ווייטער:

דאס איז וואָס דוד המלך האָט אנגעזאָגט זיין זון שלמה׳ן: „צוויי זאכן האט ער אים געזאגט: זיך פֿארטראכטן אין באגריף פֿון דער גאָטהייט, און זיך משתדל זיין אים צו דינען לויט דאס באגרייפֿונג פֿון גאט׳ס מעשים. אזוי האט דוד געזאגט צו זיין זון שלמה׳ן: „דע את אלהי אביך ועבדהו״. דערוועגט זיך א ידיעה אין דעם גאָט פֿון דיין פֿאָטער און דין אים. אויב דו וועסט אים זוכן, וועסטו אים געפֿינען און אויב דו וועסט אים פֿארנאכלעסיקן וועט ער דיר פֿארנאכלעסיקן אויף אייביק.

דאס איז וואס דער רמב״ם האט געלערנט אין זיין מורה־נבוכים, און גערופן צו די פארשטענדיקע און ניט צו די אונוויסנדע.

## ווערק אויפן רמב״ם׳ס נאמען.

מיר האבן אין לעצטן קאפיטל, באריִרט וועגן די פאלסיפיקאציע פון רמב״ם׳ס נאמען אויף אַרטיקלען און בריף, וועלכע ער האט ניט געשריבן.

נאָך פריער האבן מיר גערעדט וועגן רמב״ם׳ס קעגנער, וועלכע א געוויס צאָל פון זיי געפינען זיך נאָך צווישן אונדז, ביז היינטיקן טאג, איבערהויפט אין דער מחנה פון די חסידים.

נאַטירלעך איז די איצטיקע קעגנערשאפט ניט אזוי פלאַם־פייערדיק ווי אַמאָל, ווען דער חסידיזם איז אויסגעוואקסן פון בעל־שם הקדוש. דאמאלט איז דער חסידיזם געווען התלהבותדיק און די קעגנערשאפט צום רמב״ם התלהבותדיק. היינט אבער, אז דער חסידיזם איז בלייכער און שוואכער געווארן איז די קעגנערשאפט צום רמב״ם אויך שוואכער געווארן. אבער ניט געשטארבן.

דערפאר אָבער איז דעם רמב״ם׳ס נאָמען מער מפורסם געוואָרן, און זיינע פאַר־ערער פארגרעסערט געווארן אין צאָל. דעריבער איז קיין וואונדער ניט וואס מחברים כאַפּן זיך אָן ביים רמב״ם׳ס נאמען אויף זייערע ווערק.

וואָס מיר צילן זיך דאָ צו פרובירן ארויסדריגען צי האָט ניט א געוויסע שייכות די קעגנערשאפט מיט דאָס פאלסיפיקאציע פון רמב״ם׳ס נאָמען.

נאָר לאמיר דאָ פריער ברייגען איניקע ביישפילן, און דערנאָך אויסגעפינען דעם שייכות פון דעם. למשל:— אין איינעם פון זיינע בריף, וואס טראגט זיין נאָמען, האָט מען געפונען וואו ער זאגט: „וכל אחד מהם יקח שתי נשים״—א ווערטערלעכע איבער־זעצונג מיינט דאס: „און יעדערער פון זיי זאל נעמען צוויי ווייבער״.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן ווי זיינע קעגנער האבן דאס אויפגעכאפט און וואס פאַר א שטורם עס איז אויפגעברויזט געווארן צווישן זיי. היתכן? נאָך דעם חרם פון רבינו גרשם, וואס איז אנגענומען געווארן אין פראנקרייך, דייטשלאנד און אנדערשוואו, אז מען טאָר ניט חתונה האָבן מיט צוויי ווייבער, קומט דער רמב״ם און זאָגט, אז מען מעג נעמען צוויי ווייבער! דאס איז דאָך א מין להכעיס, קעגן חרם פון רבינו גרשם מאור הגולה!

און נאך מער, דער רמב״ם האָט דאָך געוואוסט פון חרם, ער קאָן זיך דאָך ניט פאַרענטפערן, אַז ער האָט ניט געוואוסט. רבינו גרשם איז דאָך כמעט געווען אין זיין צייט. ער איז נפטר געוואָרן 35 יאר פריער פארן רמב״ם, הייסט דאָס, אז ווען רבינו גרשם האָט דעם חרם געמאַכט איז דער רמב״ם אלט געווען 25 יאָר.

דער בריף פון רמב״ם איז געווען אויל אויפן פייער פון זיינע קעגנער. ס׳איז זיי אויפן זינען ניט ארויף זיך צו פרעגן: פיליכט האָט דאס גאר דער רמב״ם ניט געזאגט? אפשר האָט דער רמב״ם געמיינט די וואָס האָבן שוין געהאט צוויי ווייבער? דער חרם

איז דאָך אויף נעמען אָבער ניט, אז מען האָט שוין געגומען. רבינו גרשם האָט דאָך ניט געמיינט מיטן חרם, אז די וואָס האָבן שוין צוויי ווייבער זאָלן איינע אפגט׳ן.

אין אמתן דער אויסדרוק „יקח״, וואָס מיינט אין „עתיד״ אין דער צוקונפט צייט, ווערט אָפטמאָל באנוצט, אפילו אין תנ״ך אויף „הווה״ די קעגנווערטיקע צייט.

נאָר דער אבסאלוטער אמת איז מיט דעם גאון יעב״ץ, וואָס זאָגט, אז דער בריף וועגן צוויי ווייבער נעמען, איז ניט דעם רמב״ם. דאָס האָט אימיצער געפאַלשט דעם רמב״ם׳ס נאָמען. און דער גאון יעב״ץ וועט ניט זאָגן סתם אין דער וועלט אריין, מסתם האָט ער געפונען גרינדע, אז דאָס איז ניט דעם רמב״ם׳ס בריף.

און דער שכל הישר ווייזט דאָך, אז דער רמב״ם, וואָס איז געווען אזוי אָפגעהיט אין מידות, וואָס האָט זיך געהיט צו באַליידיקן אפילו זיינעם אָן אָפּנעם שונא, וועט זיך ארויסשטעלן קעגן רבינו גרשם און מתיר מאכן, וואָס ער, דער מאור הגולה האָט געאסר׳ט מיט א חרם״?

אַלזאָ ווער האָט דעם בריף געקאנט שרייבן אויפן רמב״ם׳ס נאָמען אויב ניט איינער פון זיינע שאַרפסטע קעגנער, כדי צו דערנידעריקן דעם רמב״ם׳ס פּאָפּולערן און געאַכטעטן נאָמען.

פון א גאַנץ אַנדער כאַראַקטער איז דאָס פאַלסיפיקאַציע פון העפט "פרקים בהצלחה״, וואָס מיר האבן דערמאנט אין לעצטן קאַפּיטל.

הונדערטער יאָרן האָט מען געגלויבט, אז דער ספר וואָס טראָגט דעם רמב״ם׳ס נאָמען איז זיכער זיין ווערק. ערשט אין אונדזער היינטיקן יארהונדערט איז קלאָר און דייטלעך אויפגעוויזן געוואָרן, אז עס איז אָן אבסאלוטנע פאַלסיפיקאַציע.

דער אנטדעקער פון דעם איז דער געלערנטער דר. ש. צ. דאווידאוויץ, וואָס האָט די טעמע גענומען פאַר אַ טעזיס צו זיין דאָקטאָראַט, אין דראָפּסי אוניוועַרזיטעט, פון פילאַדעלפיע. אין יאָר 1939 האָט די געזעלשאַפט „מקיצי־נרדמים״, ירושלים עס ארויסגעגעבן אין אַ בוך פאָרם מיט דעם אַראַבישן טעקסט און די העבּרעאישע איבערזעצונג.

רעדאַקטירט דעם בוך האָט דער געלערנטער פאָרשער ד. צ. בארנעט, וואָס ווייזט אויף וויסנשאַפטלעך און לאָגיש, אז סיי פון אינהאַלט און סיי פון פאָרם קאָן מען באַלד ארויסדרינגען, אז דאָס איז ניט דעם רמב״ם׳ס א ווערק, ווייל דער אינהאַלט איז פונקט דער היפוך פון „מורה־נבוכים״, און דער פאָרם איז ניט דער געבוי פון מייסטער ארכי־טעקט ווי דער רמב״ם איז געווען אין זיינע שאַפונגען.

פראָפעסאָר גרעץ האָט שוין פריער געזאָגט, אז „פרקים־בהצלחה״ איז ניט פון רמב״ם. דאָס האָט אויך מסכים געווען דער מלומד ג. שלום, נאָר צוויי געלערנטע היסטאָריקער, באַכער און שטיינשניידער ווילן דווקא האָבן, אז „פרקים בהצלחה״ איז יאָ דעם רמב״ם׳ס ווערק.

ווען געלערנטע האָבן, וועגן א געוויסן אָביעקט, פאַרשידענע מיינונגען יאָ און ניין, בלבט דער נייטראַלער מענטש, ניט קיין פאָרשער, אין ספיקות און ווייס ניט ביי זיך ווי צו באַשטימען יאָ, אדער ניין.

איז געקומען דר. דאווידאוויץ און קלאָר, אונבאַשטרייטבאר באוויזן, אַז „פרקים בהצלחה" איז ניט פֿון רמב"ם׳ס פען אַרויס.

דאָס צו קאָנען פּאָזיטיוו אויפֿווייזן מוז מען האָבן פֿאר זיך דעם אַראַבישן טעקסט פֿון דעם ספר „פרקים בהצלחה", און מער ווי איין עקזעמפּלאר פֿון דעם טעקסט איז ניטאָ. דר. דאווידאוויץ האָט זיך געגעבן די גרעסטע אנשטרייננגונג צו באקומען דעם אַראַבישן טעקסט און האָט עס פֿארגליכן מיטן העברעאישן „פרקים בהצלחה", און דערזען דעם אמת פֿאר די אויגן, און דאס באוויזן פֿאר דער וועלט, אזוי קלאר ווי דער טאג, אז דאס איז פֿאלסיפֿיקאציע. דער מחבר, אדער דער ארויסגעבער, האָט דאָס געטאָן כדי צו מאכן בעסערע געשעפֿטן. דעם רמב"ם׳ס א ספר, א וואָרט א זילבע, איז א סחורה „עובר לסוחר".

ס׳וואלט דא אפֿשר ניט איבעריג געווען צו ציטירן אייניקע ביישפּילן פֿון דר. דאווידאוויץ׳ס ווערק, נאר דאס וואלט צופֿיל פּלאץ פֿארנומען, און אגב איז עס א טעמא פֿאר וויסנשאַפֿטלער, און דאס קומט ניט אריין אין חוג פֿון א מאנאָגראַפֿיע. ס׳וועט זיין גענוג צו ברייגן דאָ, דאס וואס דער רעדאקטאר זאָגט, אז מען דאַרף געבן א הארציקן יישר כוח צו דר. דאווידאוויץ, וואס ער האט אויפֿגעדעקט דעם אמת פֿון דעם ווערק, און עס איז אויך גענוג דא צו זאָגען, דאס אין דעם ווערק ווערן געבראכט די נעמען פֿון די באַאמטע פֿון דער געזעלשאַפֿט, ווי אהרן פֿריימאן, פֿון ניו־יארק, דער פּרעזידענט, די נעמען פֿון דער עקזעקוטיווע, וואס איז אין ירושלים: ש. אסף, י. נ. עפּשטיין, ד. יעלין, ח. בראדי, ב. מ. לעווין, ש. י. עגנון, א. ח. פֿריימאן, סעקרעטאַר און מ. ראבינאוויץ, טרעזשורער.

אין די ערן באאמטע געפֿינען זיך די באקאַנטע נעמען, אלחנן אדלער, פֿון לאָנדאָן, י. צ. הערץ ז"ל, דער געוועזענער טשיף רבי, און אַנדערע גרויסע געלערנטע, וועלכע זיינען מסכים מיט דר. דאווידאוויץ. ווען ניט וואלט די געזעלשאַפֿט ניט ארויסגעגעבן זיין ווערק.

מיר קומען, אלזאָ, צום אויספֿיר, אז דעם רמב"ם׳ס נאמען איז אויסגענוצט געווארן צוליב צוויי צילן: זיינע קעגנער האבן זייער ציל ניט דערגרייכט, ווייל קיין שמץ פֿון א פֿלעק איז ניט געבליבן אויפֿן רמב"ם׳ס נאָמען. נאָר די מחברים־סוחרים און די ארויסגעבער גוטע געשעפֿטסלייט, האבן ווארשיינלעך צוליב דעם נאמען גיך פֿאר־קויפֿט זייערע סחורה.

נאָר וועמען קימערט דאָס? פֿאר אונדז איז גענוג, אז מיר ווייסן זיכער דאס דער „פירוש המשניות", דער „יד החזקה", דער מורה־נבוכים, די „שמונה פרקים", דער „ספר המצוות", „אגרת השמד", „אגרת תימן" דער מאמר „תחית־המתים" „מלות החגיון" זיין „מאמר בטחורים" (א מעדיצינישע ווערק) און „ספר על תורת הבריאות" אויך וועגן מעדיצין, „פרקי משה" (פֿון זעלבן מין), „פירוש על פרקי אפוקראט" א גריכישער פֿילאזאָף וועמען ער ווייזט אויף זיין טעות און נאך אנדערע שריפֿטן ווי „תשובות" צו די וואס האָבן אים שאלות געפֿרעגט. זיין מאמר „חיי עולם" און אנדערע שריפֿטן זיינען ווערק פֿון רמב"ם, וואס זיינען בנמצא אין ביבליאָטעקן און מוזעאומס אין פֿאַרשידענע לענדער ענגלאנד בכלל, אויך ביי פּריוואַטע פּערזענלעכקייטן.

# אן אידעאל פאַר קיום

אין די פֿריערדיקע קאפּיטלעך האבן מיר שוין, מער אדער ווייניקער, ארויסגע־בראַכט דאס גייסטיקע געשטאלט פֿון רמב״ם און זיין צוגאַנג צו אונדזער תורה און תלמוד. איצט וועלן מיר פּרובירן אויסגעפֿינען די הויפּט אידעע זיינע, וואס האָט אים אויפֿגעהויבן מיט א קאָפּ, אדער נאך העכער, פֿאַר די גאונים פֿון זיין צייט, נאך זיין צייט און ביז היינטיקן טאָג.

אויסער זיין גרויסקייט אין תורה און וויסנשאפֿט, אויסער זיינע ווערק, וואָס ער האט אונדז איבערגעלאָזן און זיי זיינען ביי אונדז א קרן־קיימת אין זינען פֿון רעליגיעז־פֿילאזאפֿישע וויסן, האט דער רמב״ם געשטרעבט אונדז שאַפֿן און איינווארצלען אן אידעאל, וועלכער קאן אייביק האלטן אונדזער קיום פֿון אידישן פֿאלק.

אום צו באלייכטן און קלאר מאכן דעם אידעאל האבן אים געדינט און זיינען אים צוהילף געקומען צוויי וויכטיקע אייגנשאפֿטן:

א) ליבשאפֿט צום פֿאלק ישראל, ב) און קוראזש ארויסצוזאָגן דעם אמת.

לאמיר דאָ קלאָרער באלייכטן די צוויי אייגנשאפֿטן און דעם אידעאַל וואָס ער האָט געהאט אין זינען איינצווווארצלען אין אידישן פֿאלק, מיר בעטן דערביי די לייענער צו האבן געדולד און לייענען מיט מער אריינטראכטונג.

דער רמב״ם האָט געגלויבט מיט הארץ און נשמה, אז גאט האט זיך אנטפּלעקט צו אברהם העברי, אים געבענשט, אז פֿון אים וועט ארויסקומען א גרויס פֿאלק, נאר די תורה פֿאַר דעם פֿאלק האָט גאָט געגעבן דורך משה רבינו פֿאַר דעם גרויסן פֿאָלק פֿון די אבות, אַז עס זאל דאס אליין לערנען און מאכן לערנען אנדערע פֿעלקער.

א פֿאלק צו וועלכע גאָט אליין האָט זיך אנטפּלעקט, א פֿאלק וואָס האָט געהאָט די זכיה צו באקומען אַזאַ תורה, אַזאַ פֿאלק איז א גרויס פֿאלק און מען מוז איר ליב האבן מיט אַן אונבאגרענעצטע ליבשאפֿט. מען דאַרף וואַכן איבער איר, מען דארף אכטונג געבן, אז עס זאָל וויסן, לערנען און אפּהיטן די תורה, וואס לויטן רמב״ם׳ס מיינונג, איז זי העכסט פֿילאָזאָפֿיש און וויסנשאפֿטלעך.

ער האָט דערפֿאַר פֿאַר זיין פֿאלק געשאַפֿן א „משנה־תורה״, אז ע׳ זאָל לייכט געפֿינען א דין, אז עס זאָל זיך האלטן ריין, קערפּערלעך און גייסטיק; אז עס זאל ניט גלויבן אין די נארישקייטן, וואס די אנדערע פֿעלקער גלויבן: ווי גייסטער, שדים, רוחות, שטערנזעאונג. ער האָט דאס אפּגעלייקענט און אפּגעשאפֿט אין זיינע ספֿרים, טראָצדעם וואָס אַזעלכעס ווערט געבראַכט אין תלמוד און מדרשים.

דאס האָט ער געטאן מיט זיין צווייטע אייגנשאפֿט; קוראזש. ער האָט געוואָגט אפֿילו צו זאָגן, דאס אַזאַ דין, אין וועלכן עס איז א מחלוקה צווישן די חכמים, אַזאַ דין איז ניט בקבלה פֿון משה מסיני. האָט ער געהאלטן פֿון דין אזוי ווי דער אויספֿיר פֿון דער גמרא, און עס אפּגעהיט מיט גרויס פֿאָרזיכטיקייט און ליבשאפֿט. דאָך האָט

ער אויסענגעלאָזן מאַנכע דינים פֿון זיין „משנה־תורה", אדער ער פֿלעגט וואָגן צו זאגן אַן אַנדער טעם ווי דעם וועלכן די חכמים זאגן, ווי למשל:— די גמרא האלט אז מען טאר ניט האלטן קיין עסנוואַרג אדער געטראנקען אונטערן בעט, ווייל עס רוט אויף זיי א שלעכטער גייסט. זאָגט דער רמב"ם, אז דערפֿאַר זאָל מען ניט האלטן קיין עסנוואַרג אונטערן בעט, ווייל עס קאָן אריינפֿאַלן עטוואָס אזעלכעס וואָס שאדט צום געזונט. אבער די חכמים זאָגען, אז אפֿילו ווען מען דעקט צו דאָס עסנוואַרג מיט אן אייזערנע כלי, טאר מען אויך ניט. נאָר לויטן רמב"ם, וואס זאָגט ווייל עס איז א סכנה, איז ווען עס איז גוט צוגעדעקט איז שוין קיין סכנה ניטא, און אפֿשר מעג מען.

דעם רמב"ם'ס „תחית־המתים" איז אויך אנדערש ווי די חכמים זאָגן. אמת ער איז מודה, אז „תחית־המתים" וועט פֿאָרקומען, ווען גאָט וועט וועלן, אבער די וואָס וועלן לעבעדיק ווערן, וועלן צוריק שטארבן, נאר די נשמות וועלן האבן עולם הבא ניט מיט „לויתן", ניט מיטן „שור־הבר" און ניט מיטן „יין־המשומר", ווי די חכמים זאָגן, אז אזעלכעס ווערט געהאלטן פֿאר די צדיקים. זיין עולם־הבא איז א העכערע, א גייסטיקע און אייביקע באהעפֿטונג צו גאָט.

אין יענע עפּאָכע פֿון מיטלאלטער צו וואָגן ארויסצוזאָגען אַזאַ מיינונג, מוז מען האָבן אן אייזערנעם מוט און אומבאגרענעצטן קוראזש. דער רמב"ם האָט דאך געוואוסט אז דאָס וועט אים שאַפֿן א מוראדיקע קעגנערשאפֿט, ער האָט דאָך געקאָנט רעכענען, אז זיינע קעגנער וועלן אנעמען פֿאר אים דעם שטאַרקסטן וואפֿן פֿון יענער צייט, וואָס אידן האבן געהאט אין באזיץ: „חרם". אבער דעם רמב"ם'ס קוראַזש און זיין אמת האָט אים ניט אפּגעהאלטן צו זאָגן און צו שרייבן וואס ער דיינקט. ער האָט אפֿילו עפּענטלעך, און אין שריפֿט, דערקלערט, אז זיין אידעע וועגן גאט איז ניט די ווי אנדערע חכמים דיינקן. ער האט פֿארמערט דורכדעם זיינע קעגנער און געמאכט זיי פֿאר זיינע שונאים. נאך היינט געפֿינען זיך ניט ווייניק צדיקים און חסידים וואָס האלטן אים כמעט פֿאר אַן אפּיקורוס.

און ווייל זיין גאט איז דער שעפֿער פֿון דער וועלט, איינער וואס איז חוץ צאָל, דאס מיינט, אז נאך דעם איינס קומט ניט קיין צוויי, אַזאַ איינער וואס פֿירט און גיט אַכטונג אויפֿן גאנצן קאסמאס, אַזאַ איינער וואס מען קאן ניט משיג זיין, איז פֿאר דעם מענטשן, באזונדערס פֿאר די אידן פֿון זיין פֿאלק, דער גרעסטער און איינציק־סטער אידעאַל צו שטרעבן צו דערהויבן זיך נעענטער צו גאט'ס וועגן, זיך הייליקן און מער פֿארטראכטן אין דערקאָנונג די גאָטהייט און זיינע וואונדער, וואס דאס וועט דעם מענטש ברייגנן צו אהבה, צו אַ הימלשע ליבשאפֿט, וואס וועט אים געבן דעם גרעסטן גייסטיקן תענוג און אינטערעס צו לעבן.

אָן דעם אידעאַל קאָן דער מענטש קיין פֿולע צופֿרידנהייט ניט האבן. דער אויפֿגעקלערטער מענטש פֿאלט אריין אין ספיקות, דער פשוטער מענטש, וואס האָט געלעבט און לעבט מיט דער האפֿנונג פֿון ביאת־המשיח, ווערט אפֿט אנטוישט, פֿון די פֿאראויסזאָגער די צייט ווען משיח וועט קומען. אין דער אידישער געשיכטע זיינען

פיל „חושבי־קיצין" געווען. סעדיה גאון האָט אויך געזאָגט אַ באַשטימטע צייט ווען משיח וועט קומען. דער רמב״ם זאָגט, אז דערפאר האָט סעדיה גאון פאָראויסגעזאָגט די צייט פון ביאת־המשיח, ווייל ער האט געזען, אז דאס אידישע פאָלק פאַלט אריין אין יאוש, אין גרויס פארצווייפלונג. דאס פאלק ווערט מיד צו ווארטן אויף משיח׳ן, און פון דרויסן ווערן די גזירות אויף אידן שארפער, דער איד האָט ניט קיין איינהאלט פארוואס און צוליב וואס פארטצוזעצן דעם המשך פון אידישן קיום. דערפאר האָט סעדיה גאון געטרייסט דעם פאלק, אז אין דעם און יענעם יאָר וועט משיח קומען. מעגלעך, אז צוליב דעם טעם, האט דער רמב״ם אליין אויך פאָראויסגעזאָגט דעם „קץ".

אויך ווערט שוואכער דער גלויבן ביים פאלק אין תחית־המתים און עולם־הבא, וואס אט דער גלויבן איז שטענדיק געווען, אין אלע צייטן, דער תוכן אויפצוהאלטן דעם קיום פון פאלק, אז עס זאל איבערטראגן די יסורים, וואס די הערשער פון די לענדער טוען אונדז אן און אויב דאס פאָלט אוועק קאן עס אפטויטן אין פאָלק דעם ווילן פארטצוזעצן דעם קיום. אט דערפאר האט דער רמב״ם געפונען דעם אמת אייביקן אידעאל, צוליב וועלכן עס איז ווערט צו לעבן, אן אידעאל וואס וועט ניט אנטוישן, אן אידעאל וואָס וועט געבן דעם אידן א נייעם פרישן גייסט, אן אידעאַל פון א הימעלשן פארגעניגן—דאָס איז אהבת־ה׳, ליב האבן גאָט, ווי די תורה זאָגט אונדז: „ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך", די ליבשאפט ברייגנט צו הייליקייט, צו שטרעבונג און צו באהעפטונג צו גאָט, צו האָבן עטוואָס א באַגריף פון זיינע מעשים און צו דערהויבן זיך ביז די מדריגה פון נבואה.

לאמיר דאָ פאר איך ברייגגן די ווערטער פון רמב״ם ווי ער זאָגט זיי אין „ספר המדע" (הלכות יסודי התורה פרק ז׳) און איר וועט פון זיי אליין אורטיילן צו וואָס פאר אן אידעאַל ער צילט:—

איינס פון די רעליגיעזע גרונטלאגן איז, צו וויסן דאס גאט גיט אריין נבואה אין מענטשן. די נבואה איז ניט חל אויף יעדערן, נאר אויפן גרויסן חכם און גיבור אין מידות, אז זיין ייצר־הרע זאל זיך ניט שטארקן איבער אים, נאָר ער זאל זיך שטענדיק שטאַרקן איבער זיין ייצר הרע.

א מענטש וואס איז פול מיט די אלע גוטע מידות ווען ער וועט אריין אין „פרדס" (דאָס מיינט דער רמב״ם אין הימעלשע מעטאפיזישע פאָרשונג) און ער ווערט אריינגעצויגן אין יענע הויכע און ווייטע ענינים און וועט זיך איינשאפן דאָס ריכטיקע וויסן צו פארשטיין און צו באגרייפן, און ער האלט זיך הייליק און שייד זיך אָפ פון די וועלכע גייען אין פינסטערניש פון צייט, נאָר ער גייט און סטימולירט זיך אין איבן זיין נפש, אז ער זאָל כלל ניט טראכטן קיינע פוסטע זאכן און קיינע נארישקייטן, נאר זיין געדאַנק איז שטענדיק געווענדעט אין דער הויכעניש און איז פארבונדן מיט געדאנקן צו פארשטיין יענע הייליקע ריינע פאָרמען פון גאט׳ס חכמה אין גאנצן, פון דאס סאַמע ערשטע פאָרם (צורה) ביז דעם מיטלפונקט פון דער ערד און פון דעם

ווייס ער די גרויסקייט פֿון גאָט, דאַן הויבט אַן אויף איִם צו רוען דאָס רוח־הקודש, און ווען דער גייסט רוט אויף איִם שטייגט אויף זיין נפש צו די מעלה פֿון די מלאכים, וואָס רופֿן זיך „אישים" און ווערט אַ גאַנץ אַנדער מענטש, און ווייס, אַז ער איז שוין איצט ניט אַזוי ווי ער איז געווען, ער איז דערהויבן, געוואָרן העכער פֿון אַנדערע חכמים, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט ביי שאול המלך: „והתנבית עמם ונהפכת לאיש אחר". דו וועסט נביאות זאָגן און ווערן אַן אַנדער מענטש.

דער רמב"ם וויל דאָ געבן צו פֿאַרשטיין, אַז אַ מענטש קאָן דערגרייכן צו דער מעלה פֿון נבואה דורך האַלטן זיך הייליק, ריין און לערנען די וויסנשאַפֿט פֿון באַשאַף און שטרעבן צו באַגרייפֿן דעם באַשעפֿער.

פֿון דעם רמב"ם'ס דרייצן „עקרים" איז דער ערשטער און חשובסטער „אני מאמין באמונה שלימה שהבורא, יתברך שמו, הוא בורא ומנהיג לכל הברואים, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים", וואָס דאָס מיינט אין אידיש־לשון: גלויבן פֿאָלקאָם דאָס דער השם יתברך איז שעפֿער און פֿירער פֿון אַלע באַשעפֿענישן, און ער אַליין האָט געמאַכט און מאַכט און וועט מאַכן אַלע מעשים.

דאָס איז דער הויפּט אידעאַל צו וועלכן דער מענטש באַדאַרף שטרעבן צו פֿאַרטיפֿן זיך און פֿאַרשטיין די געטלעכקייט. דאָס וועט איִם געבן חיות און תענוג צוציען דעם המשך פֿון אידישן קיום.

דעם געדאַנק דערקלערט און באַלייכט דער רמב"ם אין זיין לעצטן קאַפּיטל פֿון „מורה נבוכים". מיר וועלן דאָ איבערגעבן בקיצור זיין געדאַנק.—

„די אמתע כוונה פֿון „חכמה" איז אַנדערש ווי דאָס וואָרט „תורה". תורה מיינט לערנען אַלץ וואָס די תורה זאָגט אונדז און אָפּהיטן אַלע דינים אירע. חכמה אָבער מיינט צו דערגרונטעווען זיך און קאָנען אויפֿווייזן וויסנשאַפֿטלעך דורך פֿאַקטן, אַז אַלץ וואָס די תורה זאָגט איז איבערצייגענד און אמת. און דאָס איז וואָס די חכמים זאָגן, אַז ווען דער מענטש קומט אויפֿן עולם האמת פֿרעגט מען איִם צוויי פֿראַגן: צו האָט ער געלערנט די תורה, און צו האָט ער דיסקוטירט (מפלפל געווען) אין חכמה. לערנער פֿון דער תורה זיינען פֿאַראַן פֿיל אָבער פֿאַרשטיין די חכמה פֿון דער תורה זיינען ווייניק. דאָס איז אויסגעדריקט אין פסוק: „והחכמה מאין תמצא" וואו געפֿינט מען די חכמה?"

דער רמב"ם מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז אום צו פֿאַרשטיין דעם אמת פֿון דער תורה באַדאַרף מען אויך לערנען וועלט־וויסנשאַפֿט, ווי אַסטראָנאָמיע, נאַטור־וויסנשאַפֿט און די אַנדערע וויסנשאַפֿט, אפֿילו מעדיצין, וואָס דורך דעם קאָן מען פֿאַרשטיין דעם אמת פֿון אונדזער תורה. דעם תכלית פֿון באַשאַף און באַגריף פֿון גאָט'ס מעשים און וואונדער.

און דאָס איז—זאָגט דער רמב"ם—וואָס דער פסוק זאָגט: „כי אם בזאת יתהלל המתהלל, השכל וידוע אותי"—נאָר דערמיט קאָן מען זיך באַרימען, ווען מען קליגט זיך מיר צו פֿאַרשטיין.

און דער רמב"ם ענדיקט זיין „מורה־נבוכים", וועלכן ער האָט געשריבן בעצם

פֿאר זיין תלמיד, הרב ר׳ יוסף אבן עקנין, מיט די פֿאָלגענדע ווערטער פֿון ישעיהו הנביא:—

„אז תפקחנה עיני עורים ואזני
חרשים תפתחנה. העם ההולכים
בחושך ראו אור גדול, יושבי בארץ
צלמות אור נגה עליהם״.

אין אידיש מיינט דאס:—

דאן וועלן די אויגן פֿון די בלינדע זען, און די אויערן פֿון די טויבע זיך עפֿענען, דאס פֿאלק וואס גייט אין פֿינסטערניש וועלן זען דאס גרויסע ליכט, די וואס זיצן אין שאָטן־טויט וועט אויף זיי אויפֿשיינען א גרויס ליכטיקייט.

דער קאמענטאטאר אויפֿן רמב״ם׳ס מורה נבוכים, שם־טוב, דערקלערט דעם פסוק פֿון ישעיהו, מיט וואס דער רמב״ם ענדיקט, אז דאס מיינט: איידער דער ספר—מורה־נבוכים—איז דערשינען, איז דאס פֿאָלק געגאַנגען אין דער פֿינסטער, אבער ווי דער ספר מורה־נבוכים איז דערשינען, האט מען דערזען דאס ליכט פֿון אמת, וואס פֿריער האָט מען דאָס ניט געזען.

## מעשיות וועגן רמב״ם

ווי מיר האבן שוין דערמאנט פריער, האט זיך ניט ארומגעוועבט ארום רמב״ם קיינע ניסים און קיינע מופתים, ווי עס איז געשען מיט אנדערע הייליקע פערזענ־לעכקייטן. די מעשיות וואס מיר ווילן דערציילן, איז צוליב צוויי אורזאכן. ערשטענס: פאר די לייענער, וואס האבן ניט לייכט פארשטאנען, מאנכע קאפיטלעך, זיינען די מעשיות א מין קאמפענסאציע, זיי וועלן בעסער פארשטיין די קלוגשאפט פון רמב״ם. צווייטענס: צו בארעכטיקן דאס וואס מיר האבן געזאגט, אז קיינע מופתים האט דעם רמב״ם ניט געוויזן און אים האט קיין ניסים ניט געטראפן.

## דעם רמב״ם׳ס נצחון

ווען דעם רמב״ם׳ס נאמען, אלס דאקטאר פון עגיפטישן קעניג, איז בארימט געווארן, האבן זיך געפונען ניט ווייניק קיין אידישע דאקטוירים וואס האבן אים שטארק מקנא געווען און געוואלט אים דערנידעריקן אין די אויגן פון קעניג, אז ער איז גאר ניט אזא גרויסער דאקטאר, ווייל עס זיינען פאראן קראנקהייטן, פאר וועלכע ער קאן קיין רפואה ניט געפינען. צום ביישפיל: זיי האבן געזאגט, אז די מעדיצין וויסנשאפט, ווייס ווי צו מאכן זעענדיק אפילו א בלינדן, וואס איז געבוירן געווארן בלינד.

דער רמב״ם האט אבער געזאגט, אז א געבוירענעם בלינדן קאן מען בשום אופן ניט מאכן זעענדיק, נאר א געווארענעם בלינדן קאן מען יא היילן.

האבן די דאקטוירים געבראכט פארן קעניג א בלינדן מאן, וועלכער האט געזאגט, אז פון געבוירנשאפט אן איז ער בלינד. זיי האבן אים באשמירט די אויגן מיט אזא זאלב און ער האט געעפענט די אויגן און געוומען זען.

האט דער רמב״ם גענומען א רויטע באז־טיכל און געפרעגט דעם בלינדן וואס איז זעעוודיק געווארן:

—זאג מיר וואס האלט איך אין האנט?

—א רויטע טיכל!—האט דער געוועזענער בלינדער געענטפערט.

דער קעניג האט באלד דערזען, אז דער רמב״ם איז גערעכט, ווארום ווען דער מענטש וואלט געווען א געבוירענער בלינדער, וואלט ער ניט געוואוסט דעם חילוק פון פארבן רויט, גרין, בלא אדער שווארץ.

דער קעניג האט באלד מיט חרפה ארויסגעטריבן די אנדערע דאקטוירים פון זיין הויף.

## פרומע געסט פון פראנקרייך

ווען עס האט זיך אנגעהויבן די מחלוקה אויפן רמב״ם, האבן זיך געפונען

אַזעלכע וואס האבן געזאָגט אויף אים, אז ער איז אן אפיקורוס, ער גלויבט אין דער תורה גאָר ניט און האַלט ניט פון מצוות.

האָבן זיך געפונען גרויסע און פרומע חכמים אין פראַנקרייך, וואס האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין מצרים, באזוכן דעם רמב״ם און זען ווי ער פירט זיך אין אידישקייט.

דער רמב״ם האט גלייך פארשטאנען צוליב וואס זיי זיינען געקומען. האָט ער זיי געגעבן א הארציקן קבלת־פנים און איינגעלאדן צום מאלצייט.

זיצנדיק מיט די אורחים האָט דער רמב״ם א רוף געטאָן:

—פעטער, גיס אן וויין פאר די חשובע געסט!

זיי האבן דערהערט דעם נאמען „פעטער״, א גוי וואס רירט אָן אידישן וויין, דאס איז דאס יין־נסך! האבן זיי דעם וויין ניט געטרונקן זאָגנדיק א תירוץ, אז אזוי ווי זיי זיינען נאך מיד פון וועג, איז געזונטער פאר זיי צו טרינקן וואַסער.

א ווײלע ארום האָט דער רמב״ם ווידער געזאגט: פעטער, האַק ארונטער דעם קאָפ פון קאַלב און בראָט איין פאר די אורחים א מאלצייט.

די חכמים האָבן אַ ציטער געטאָן: קיין שחיטה ניט? ארונטער האַקן דעם קאפ פון קאלב, דאס איז דאך ווי נבלה! הייסט דאס, אז דער רמב״ם היט טאקע ניט תורת־משה. איז טאקע אמת וואס מען זאגט אויף אים.

—מיר דאנקן אייך רבי, האבן זיי געזאגט מיט א תירוץ, מיר קומען נאָר־וואָס פון דער נסיעה און מיר האָבן מורא צו עסן פלייש פארן שלאָף.

ווען זיי זיינען שוין געלעגן אין בעט, האבן זיי דערהערט נאך שרעקלעכער:

—פעטער, שטיי אויף גאנץ פרי נעם „אדם״, צושנייד עס אין דינע שטיקלעך און קאָך אפּ א בארשט פאר די אורחים!

זיי האבן א ציטער געטאן, „אדם״ דאָס הייסט א מענטש, צושניידן אַ מענטשן אויף שטיקלעך. דאס איז דאך א שרעקלערע רציחה, זיי האבן שוין ניט געקאנט איינשלאפן.

נאר אויף מאָרגען, ווען זיי האבן זיך גענומען איילן שוין אוועקצוגיין האָט זיי דער רמב״ם געפרעגט:

—פארוואס אנטלויפט איר? בלייבט נאך מיט מיר און לאמיר אביסעל פארברייגען אין תורה.

האָבן זיי אים דערציילט דעם אמת, אז זיי האבן דא געהערט שרעקלעכע זאכן, וואס איז קעגן דער תורה און קעגן מענטשלעכקייט.

האָט דער רמב״ם א שמייכל געטאָן און געזאָגט:— איך וועל אייך געבן צו פאַרשטיין אלץ און איר וועט זען אייער טעות: דער דינער מיינער איז ניט קיין גוי נאר א איד, און אַ פרומער איד, מען רופט אים פעטער. אזוי איז זיין נאמען. איז שוין דער וויין ניט קיין יין־נסך.

איך האָב אים געהייסן ארונטערהאַקן דעם קאָפּ פון קאַלב, ווייל דער קאַלב איז געווען א „בן־פקועה" און באַדאַרף ניט קיין שחיטה. ס'איז כשר לכל הדעות.

דאָס וואָס איך האָב אים געהייסן טאָן מיט „אדם", דאס איז אַזאַ מין קרייטעכער, אַגעוואוקס וואס רופט זיך אדם. עס וואקסט אויס און זעט אויס ווי א מענטש, און רופט זיך „אדם". ער האָט זיי באוויזן וואָס דאס איז.

ווי זיי האָבן דאס דערהערט האָבן זיי אים געבעטן מחילה פאַרוואס זיי האבן אים חושד געווען, און געבליבן ביי אים אין הויז און פאַרבראכט אין תורה און חכמה.

# א גוטע רפואה

ווען דעם רמב״ם'ס נאמען האט געגומען קלינגן אלס חכם, פילאָזאָף און גרויסער דאָקטאר, האָט מען אויך געוואוסט, אז ער איז א גרויסער נדבן.

צו יענער צייט האָט געלעבט דער גרויסער דיכטער און געלערנטער, אבן עזרא, וואס איז געווען א גרויסער קבצן.

האָט ער זיך מיישב געווען, אז ער זאָל פאָרן קיין מצרים. ערשטענס וועט ער זען דעם רמב״ם, דעם גדול הדור, צווייטענס וועט ער זיך אויסהעלפן. דער רמב״ם וועט אים זיכער געבן א גרויסע נדבה, ווייל ער האָט דאך מסתם געהערט פון אבן עזרא.

איז ער געקומען צו אים, נאר ער האט אים ניט געפונען. ווייל דער רמב״ם איז דאָך זער שטארק באשעפטיקט געווען.

איין מאָל, צוויי מאל און האט אים ניט געפונען. האָט דער אבן עזרא אנגעשריבן אויפ'ן רמב״ם'ס טיר:

אשכים לבית השר אומרים כבר רכב. אבוא לעת־ערב אומרים כבר שכב.

דאָס מיינט אומגעפער:—

צום האר גאַנץ פרי ווען איך קום,<br>
זאגט מען: ער איז שוין לאנג אפגעריטן<br>
קום איך אין אוונט־גלום,<br>
זאָגט מען: ער איז אין שלאָף אין מיטען.

ווייסנדיק, אז דער רמב״ם האָט א שפיטאל און קומט יעדן טאָג באזוכן די קראַנקע, האָט זיך דער אבן עזרא געמאכט פאַר א חולה און אריין אין האָספיטאל.

דער רמב״ם איז אדורכגעגאַנגען, ווי זיין שטייגער איז, פאַרשריבן יעדער חולה זיין רעצעפּט, ביז ער איז געקומען צום בעט וואו דער אבן עזרא איז געלעגן. ער האָט א בליק געטאָן אויף אים און אנגעשריבן דעם רעצעפּט: „פאַר דעם חולה פון דעם בעט פיר הונדערט זילבערנע רענדלעך...

# דעם רמב״ם׳ס קבר.

דער רמב״ם האָט אין זיין צוואה געבעטן, אז מען זאל אים מקבר זיין אין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט ניט אָנגעגעבן דעם פלאַץ, אין וועלכן טייל פון לאַנד זאל ער ליגן.

איז ווען זיין ארון איז געבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישראל, איז ענטשטאַנען א שאַרפער ויכוח צווישן דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג.

די אידן פון ירושלים האָבן גע׳טענה׳ט, אז אַזאַ גדול־הדור מוז קומען צו קבורה אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. די אידן פון צפת האָבן געהאַט א טענה, אז צפת איז אויך הייליק און דערפאַר דאַרף דער רמב״ם זיין צווישן זיי. אזוי האָבן אויך געפונען „זכות אבות“ אַנדערע שטעט, און יעדע האָט געוואָלט האָבן דעם כבוד, אַז דער רמב״ם זאָל ליגן ביי איר.

זעענדיק, אַז דער ויכוח פאַרציט זיך, און דערווייל שטייט דער ארון אויף איין אָרט, און דאָס איז קיין כבוד ניט פאַרן נפטר. איז געבליבן באַשטימט פון אַלע רבנים און קהל, אז מען זאל איינשפּאַנען א קעמעל צו וואָגן פון ארון, און עס לאָזן גיין ביז ער וועט זיך אפּשטעלן. דאָרט זאָל מען ברענגען צו קבורה דעם גאון.

איז דער קעמעל געגאַנגען, לויט ווי די לעגענדע דערציילט, דריי טעג נאכאַנאַנד, און די מלווים זיינען מיטגעגאַנגען. ביז ער איז געקומען אויף א ליידיק פעלד אין דער שטאָט טבריה, און פון דעם פלאַץ האָט זיך שוין דער קעמל ווייטער ניט גערירט.

שטייט איצט ביז היינטיקן טאָג דעם רמב״ם׳ס קבר אין טבריה.